בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ ראש יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִיש

## מַטּוֹת מַסְעֵי

תשפ"ג

307

בעזרת השם יתברך

# היכל הקודש ברסלב

## ווילִיאמסבורג

27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

## בארא פארק

4801 11th Ave
Brooklyn NY 11219
**718.384.1652**

## קרית יואל

8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

## קרית יואל

8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

## בלומינגראוו

24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

## מאנסי

32 Dolson Road
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

## לונדון

23A St Andrew's Grove
**447388582855**

# קרית ברסלב

ליבערטי - ניו יארק

## האשקי

181 Huschke Road,
Liberty NY 12747

## אשר בנחל

78 Denman Rd,
Liberty, NY 12754

## עצתו אמונה

187 Twin Bridge Rd,
Liberty, NY 12754,

## פעולת הצדיק

2-198 Steiglitz Rd,
Liberty, NY 12754,

## מקור השמחה

67-1 Marx St,
Liberty, NY 12754,

## ירושלים

21-1 jerusalem St,
Liberty, NY 12754,

## ירושלים

רח' רבי נחמן מברסלב 15
**054-845-6150**

## בני ברק

רח' ירושלים 2
**052-760-5715**

## טבריה

רח' משה שפירא 2
**050-411-6421**

## בית שמש

רח' ריב"ל 6
**050-419-9751**

## ברכפלד

רח' רשבי 19
**052-715-6479**

## יבנאל

רח' המייסדים
**052-716-3184**

## צפת

רח' צהל 1
**050-412-6101**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**

צו הערן די
הערליכע שיעורים פונעם ראש
ישיבה שליט"א
רופט:
קול ברסלב
**212.444.9191**
חיזוק פאר אידישע שטוב
**212.444.9169**

עריכה - הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com
www.BreslevCenter.com

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

מֶעג מֶען הֶעקְלֶען אוּם רֹאשׁ חוֹדֶשׁ?..............................................א

וִוי אַזוֹי וֶועלְן מִיר קֶענֶען בַּאצָאלְן דִי הוֹצָאוֹת פוּן נָאךְ קִינְדֶער? ..........ב

וָואס ווִיל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פוּן מִיר? ...................................ג

וִוי אַזוֹי הַאנְדְלְט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס הַאלְט נִישְׁט בַּיים פָּאלְגְן?..........ד

זִיךְ פִירְן מִיט דִי חוּמְרוֹת פוּנֶעם מַאן, אָדֶער פוּן דִי עֶלְטֶערְן?..............ו

וָואס קֶען אִיךְ גֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער צוּ טוּן נָאךְ חֵדֶר?......................ז

מֶעג אַ פְרוֹי נֶעמֶען אַ שׁוֹיעֶר אִין דִי נַיין טֶעג?................................ט

וָואס אִיז דִי לֶעזוּנְג צוּ דִי נִסָּיוֹן פוּן עֶי.אֵיי.AI?..............................ט

אִיז דֶער תַּכְלִית אוֹיף דֶער וֶועלְט צוּ לַיידְן אָדֶער הֲנָאָה צוּ הָאבְּן? ...........יב

בִּין אִיךְ רוּאִיגֶער אָן דֶעם טֶעלֶעפָאן אִינְדֶערְהֵיים?...............................יד

מֶעג אַן אַרְבֵּייטֶער אַיינְטֵיילְן פַאר זַיין אוֹיבֶּערְהַאר וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן? ..........טז

אִיז דָא אַן הֶיתֵּר פַאר מִיר צוּ מֶעגְן קוּקְן מָאוִויס?.............................. יז

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

מַדְרִיךְ זַיין כַּלוֹת אוֹיף דִי אֱמֶתְ'עֶ תּוֹרָה וֶועג............................א

מוּזִיק אִין דִי דְרֵיי וָואכְן..........................................ב

דִי פְרוֹי מִיט אִיר חָכְמַת נָשִׁים קֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דִי שְׁכִינָה אִין שְׁטוּבּ ..........ב

קוּק נִישְׁט קַיין עֲבֵירוֹת וֶועט דִיר זַיין זִיס אוּן לִיכְטִיג ..........ג

אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן, וֶועט דִיר זַיין גָאר בִּיטֶער ..........ד

דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד מֶעסְט מֶען לוֹיט וִוי אַזוֹי עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ......................ה

הַאלְט טֵייעֶר דִי מַתָּנָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן ..............................ה

פַארְמַאךְ דַיין גֶעשֶׁעפְט עֶרֶב שַׁבָּת בַּיי חֲצוֹת אוּן גֵיי גְרֵייט זִיךְ צוּם גְרוֹיסְן גַאסְט........ו

דִי גוּטֶע הַרְגָשָׁה אוּן גֶעפִיל וָואס אַ מְלַמֵד הָאט, גֶעפִינְט מֶען נִישְׁט עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ..ז

גֵיין אִין מִקְוֶה עֶרֶב שַׁבָּת גֶענוּג פְרִי, נִישְׁט דִי לֶעצְטֶע מִינוּט.......................................ח

דִי גְרֶעסְטֶע עֲבוֹדָה בַּיי אִידִישֶׁע מַאמֶעס ................................................................ט

גֶעבּ אַכְטוּנְג עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען אַ חִלוּל הַשֵׁם וְחִלוּל שֵׁם רַבֵּינוּ .....................י

מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען בִּזְכוּת דִי אִידְן וָואס זָאגְן תְּהִלִים..........................................י

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**מֶעג מֶען הֶעקְלֶען אוּם רֹאשׁ חוֹדֶשׁ ?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט וויסְן אוֹיבּ מֶען מֶעג הֶעקְלֶען אוּם רֹאשׁ חוֹדֶשׁ.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, ב׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ג**

**לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

מִיר פִּירְן זִיךְ נִישְׁט צוּ נֵייעֶן אוּן נִישְׁט הֶעקְלֶען אוּם רֹאשׁ חוֹדֶשׁ; רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיז אַ יוֹם טוֹב פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער וּבִפְרַט פַאר דִי פְרוֹיעֶן. אַזוֹי וְוִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פִּרְקֵי דְּרַבִּי אֱלִיעֶזֶר, פֶּרֶק מה): ״נָתַן לָהֶן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא שְׂכָרָן בָּעוֹלָם הַזֶּה, שֶׁהֵן מְשַׁמְּרוֹת רָאשֵׁי חֳדָשִׁים יוֹתֵר מִן הָאֲנָשִׁים״, דִי פְרוֹיעֶן הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט גֶעבְּן זֵייעֶר צִירוּנְג צוּ מַאכְן דִי עֵגֶל, אוּן וְוִיפִיל דִי מֶענֶער הָאבְּן זִיךְ גֶעבֶּעטְן זֵיי זָאלְן גֶעבְּן זֵייעֶרֶע רִינְגְלֶעךְ אוּן קֵייטְלֶעךְ הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעוָואלְט (עַיֵּין בַּמִּדְבָּר רַבָּה כא, י) - הָאבְּן זֵיי בַּאקוּמֶען רֹאשׁ חוֹדֶשׁ פַאר אַ יוֹם טוֹב.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.**

...

**ווִי אַזוֹי וֶועלְן מִיר קֶענֶען בַּאצָאלְן דִי הוֹצָאוֹת פוּן נָאךְ קִינְדֶער?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבְּט אוּנְז.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, אַזוֹי ווִי מִיר הָאבְּן שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵׁם דְרֵיי קִינְדֶערְלֶעךְ, אוּן אִיךְ וויל זֵייעֶר הָאבְּן נָאךְ קִינְדֶער, אָבֶּער מַיין מַאן הָאט נִישְׁט קַיין גֶעהֶערִיגֶע אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְטֶע פַּרְנָסָה, יֶעדֶע פָּאסְטְן וָואס עֶר נֶעמְט וֶוערְט עֶר בַּאצָאלְט ווֵיינִיגֶער פוּן אוּנְזֶערֶע חוֹדֶשׁ'לִיכֶע הוֹצָאוֹת, אוֹיסֶער דֶעם וָואס מִיר הָאבְּן נָאךְ אוֹיךְ אַסַאךְ חוֹבוֹת צוּ בַּאצָאלְן; אִיז דִי שְׁאֵלָה אוֹיבּ מִיר מֶעגְן הָאבְּן נָאךְ קִינְדֶער, וֶוען מִיר ווֵייסְן נִישְׁט ווִי אַזוֹי מִיר וֶועלְן קֶענֶען דֶעקְן דִי פְרִישֶׁע הוֹצָאוֹת?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת חֻקַּת בָּלָק, י' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.**

**קִינְדֶער בְּרֶענְגְט פַּרְנָסָה, קִינְדֶער בְּרֶענְגְט בְּרָכָה, קִינְדֶער בְּרֶענְגְט אַלֶעס גוּטְס; כָּל זְמַן מֶען אִיז גֶעזוּנְט פִּיזִישׁ אוּן גֵייסְטִישׁ, דִי מַאמֶע הָאט כֹּחַ - וֶועלְן דִי קִינְדֶער נָאר בְּרֶענְגֶען שֶׁפַע, בְּרָכָה וְהַצְלָחָה. צַדִיקִים טַייטְשְׁן, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נִדָּה לא.): ״בָּא זָכָר בָּעוֹלָם בָּא כִּכָּרוֹ בְּיָדוֹ״, אַז אַ קִינְד וֶוערְט גֶעבּוֹירְן - קוּמְט בְּרוֹיט, עֶס קוּמְט שֶׁפַע.**

**נָאר אוֹיבּ דִי מַאמֶע אִיז נִישְׁט בַּיי דִי כֹּחוֹת - דֶעמָאלְט דַארְף מֶען דָאס דוּרְכְרֶעדְן מִיט אַ גְרוֹיסֶער רָב, אַן עֶרְלִיכֶער רָב אוּן טוּן וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט, אָבֶּער אוֹיבּ אִיז דִי זַאךְ גֶעלְט - אִיז פִּינְקְט פַארְקֶערְט, נָאר דוּרְךְ קִינְדֶער וֶועט מֶען זַיין גֶעבֶּענְטְשְׁט.**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס ווִיל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פוּן מִיר?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט קַיין כֹּחַ, אִיךְ הַאלְט עֶס מֶער נִישְׁט אוֹיס, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיר בַּאשַׁאפְן נָאר מִיךְ צוּ קֶענֶען פַּיינִיגְן?! הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיר בַּאשַׁאפְן נָאר אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן קֶענֶען ווַייזְן מִיט דִי פִינְגֶער אוֹיף מִיר אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט אַזַא לֶעבְּן אַזוֹי ווִי מִיר?!

אִיךְ שְׁפִּיר ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט חוֹזֵק פוּן מִיר, עֶר לַאכְט פוּן מִיר; ווִי לַאנְג נָאךְ ווֶעט עֶר מִיךְ פַארְשֶׁעמֶען? אִיךְ קֶען עֶס מֶער נִישְׁט נֶעמֶען.

וָואס פַאר אַ הֲנָאָה הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פוּן מִיךְ אַרָאפְּווַארְפְן אוּן שְׁטוֹיסְן אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל? פַארְוָואס קֶען עֶר זִיךְ נִישְׁט פִירְן שֵׁיין צוּ מִיר?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת פִּנְחָס, י״ג תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַ אִיד רֶעדְט נִישְׁט אַזוֹי, ווִי מֶעג מֶען זָאגְן אַזוֹי?

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַ רַחוּם וְחַנּוּן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט אוּן טוּט נָאר גוּטְס, אוּן אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער שְׁווֶערֶע טֶעג אוּן שְׁווֶערֶע זַאכְן - דַארְף מֶען פַארְמַאכְן דִי מוֹיל אוּן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט רֶעדְן קֶעגְן דִי אֱמוּנָה.

וָואס ווֵייסְן מִיר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ׳ס דְּרָכִים? וָואס קֶענֶען מִיר פַארְשְׁטֵיין? מִיר זֶענֶען קְלֵיינֶע מֶענְטְשֶׁעלֶעךְ, מִיר ווֵייסְן נִישְׁט אוּן מִיר קֶענֶען נִישְׁט ווִיסְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט, פַארְוָואס אַהֶער פַארְוָואס אַהִין; מִיר גְלֵייבְּן אִין אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיר ווֵייסְן אַז אַלֶעס וָואס עֶר טוּט - אִיז נָאר

פַאר אוּנְזֶער גוּטְס.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, טוּט תְּשׁוּבָה, בֶּעטְס אִיבֶּער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; זָאגְט אִים: "אִיךְ גֵיי שׁוֹין מֶער נִישְׁט אַזוֹי רֶעדְן", אוּן בֶּעטְס אִים אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אִין אִים.

נֶעמְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצָה פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, דָאס וֶועט אַייךְ מַאכְן הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִי אַזוֹי הַאנְדְלְט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס הַאלְט נִישְׁט בַּיים פָּאלְגְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, הַיינְט הָאב אִיךְ גֶעהַאט זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע טָאג אִין חֵדֶר, אָנְהוֹיב טָאג אִיז נָאךְ גֶעוֶוען שְׁוֶוער, יֶעצְט סוֹף טָאג אִיז גֶעוֶוען אַ מְחַיֶ', שְׁכּ'חַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

עֶס פִילְט זִיךְ זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק נָאךְ אַ פִילֶע טָאג חֵדֶר; אִיךְ וָואלְט גֶעקֶענְט פַארְשְׁוַוארְצְט וֶוערְן, גֵיי וֵוייס וואוּ, אוּן דָא זִיץ אִיךְ מִיט קִינְדֶער אוּן אִיךְ לֵייג אִין זֵיי אַרַיין יִרְאַת שָׁמַיִם, יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַארְן מִיר גֶעבְּן דִי מַתָּנָה צוּ קֶענֶען זַיין דָא אַ מְלַמֵּד.

אִיךְ הָאב אַ קִינְד אִין קְלַאס וָואס אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ זֵייעֶר מִיט אִים, סְפֶּעצִיעֶל זַייט זַיין מַאמֶע הָאט גֶעהַאט אַ קִינְד, וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַבִּיסְל בַּיי אַ צְוֵוייטֶע מִשְׁפָּחָה - אִיז עֶר אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען אִינְגַאנְצְן אַנְדֶערְשׁ; ווִי שְׁוֶוער עֶר אִיז גֶעוֶוען בִּיז דֶעמָאלְט - אִיז עֶר יֶעצְט גֶעוָוארְן נָאךְ אַסַאךְ שְׁוֶוערֶער, מַמָּשׁ גָארְנִישְׁט גֶעפָּאלְגְט, אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאב גֶעהֵייסְן הָאט עֶר גֶעטוּן פַארְקֶערְט, זַיין טַאטֶע הָאט מִיר אוֹיךְ גֶעזָאגְט אַז זַייט עֶר אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען - קֶען עֶר נִישְׁט הַאנְדְלֶען מִיט אִים.

דִי וָואךְ הָאב אִיךְ גֶעוויינְט צוּם מְנַהֵל אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט מִיט אִים, עֶר מַאכְט מִיךְ אַרוֹיסְלוֹיפְן פוּן קְלַאס, אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער, דֶער מְנַהֵל הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה אִיךְ זָאל

אִים מַאכְן פַאר אַ גַבְּאֵי; דֶער קִינְד קֶען זֵייעֶר גוּט דִי עִבְרִי זָאל אִיךְ אִים מַאכְן פַאר דֶער חַזָן, עֶר זָאל פָּארְזָאגְן דִי עִבְרִי. אִיךְ הָאבּ טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּן, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזֶעצְט בַּיי מַיין טִישׁ אוּן גֶעמַאכְט פַאר גַבְּאֵי, עֶר הָאט פָּארְגֶעזָאגְט דִי עִבְרִי. נֶעכְטְן רוּפְט מִיךְ אָן זַיין טַאטֶע אוּן זָאגְט מִיר אַז עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס אִיז גֶעשֶׁען דָא, עֶר אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען אַ נַייעֶ קִינְד, עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר אִיז גַבְּאֵי אִין חֵדֶר, עֶר הָאט שׁוֹין גֶעפָאלְגְט אַלֶעס וָואס מֶען הָאט אִים גֶעהֵייסְן אִינְדֶערְהֵיים; שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מִיר הָאבְּן אַזַא מְנַהֵל.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת פִּנְחָס, י״ג תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵד תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּ מְלַמְדִים, זֵיי גֶעגֶעבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ חִיזּוּק, זֵיי זָאלְן וִויסְן דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן זַיין אַ מְלַמֵד, אוּן מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט זֵייעֶר אַסַאךְ רֶעדְן פוּן דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כד.) עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ טְרוּקֶענִישׁ - עֶס הָאט נִישְׁט גֶערֶעגְנְט פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט, אַ פָּשׁוּט׳עֶר אִיד אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם עָמוּד אוּן גְלַייךְ וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט: ״מַשִּׁיב הָרוּחַ וּמוֹרִיד הַגֶּשֶׁם״ - הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ גֵיין אַ גָאס רֶעגְן, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: ״וָואס זֶענֶען דִי גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ טוּסְט?״ הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵד דַרְדְקֵי - אִיךְ לֶערְן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן אִיךְ מַאךְ נִישְׁט קַיין חִילוּק פוּן אַ קִינְד וָואס דֶער טַאטֶע צָאלְט מִיר גֶעלְט אַז אִיךְ זָאל לֶערְנֶען מִיט אִים, אָדֶער אַ קִינְד וָואס דֶער טַאטֶע צָאלְט מִיר נִישְׁט; נָאךְ אַ מִנְהָג הָאבּ אִיךְ, אַז וֶוען אִיךְ זֶע אַ קִינְד וָואס וִויל נִישְׁט לֶערְנֶען, בִּין אִיךְ אִים מְשַׁחֵד. אִיךְ הָאבּ אִין שְׁטוּב אַ פִישׁ טַאנְק, אוּן אִיךְ רֶעד אִים צוּ, אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט לֶערְנֶען - וֶועל אִיךְ אִים וַוייזְן דִי פִישֶׁעלֶעךְ, בִּיז עֶר הוֹיבְּט אָן לֶערְנֶען״, דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיין כֹּחַ, דֶערִיבֶּער הָאט מֶען אִים אוֹיסְגֶעהֶערְט זַיינֶע תְּפִילוֹת.

עַל כָּל פָּנִים זֶעט מֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מְלַמֵד וָואס אִיז מְשַׁחֵד דִי קִינְדֶער בִּיז זֵיי לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, אוּן אַז דָאס אִיז דִי וֶועג,

דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע צוּגַאנְג מִיט קִינְדֶער, זֵיי גְרוֹיסְן; זֵיי מַאכְן חָשׁוּב, אוּן אַזוֹי כַאפְּן זֵייעֶר הַארְץ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט אַלֶע תַּלְמִידִים, זָאלְסְט אַרַיינְלֵייגְן אִין זֵיי אַ לִיבְשַׁאפְט אוּן אַ טְרֵיישַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

**זִיךְ פִירְן מִיט דִי חוּמְרוֹת פוּנֶעם מַאן, אָדֶער פוּן דִי עֶלְטֶערְן?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאב גֶעלֵיינְט אַ בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט פַאר אַ פְרוֹי וָואס אִיר מַאן אִיז מַקְפִּיד אוֹיף גֶעוִויסֶע חוּמְרוֹת, אַז וֶוען זֵיי גֵייעֶן צוּ אִירֶע עֶלְטֶערְן - וואוּ מֶען אִיז נִישְׁט מַקְפִּיד אוֹיף דִי חוּמְרוֹת - זָאל מֶען זִיךְ פִירְן אַזוֹי וִוי מֶען פִירְט זִיךְ דָארְט, צוּלִיב כִּיבּוּד אָב וָאֵם, דָארְט אִיז נָאר דָא דִי חוּמְרָא פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם.

הָאב אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיף דֶעם, וַוייל אִיךְ הָאב אַלֶעמָאל גֶעוואוּסְט אַז אַ פְרוֹי נָאךְ דִי חֲתוּנָה דַארְף נָאכְגֵיין דִי מִנְהָגִים אוּן חוּמְרוֹת פוּן אִיר מַאן, אֲפִילוּ אִירֶע עֶלְטֶערְן פִירְן זִיךְ אַנְדֶערְשׁ, אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא בַּיי דֶעם כִּיבּוּד אָב וָאֵם. ווִיל אִיךְ פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיז טַאקֶע דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג זִיךְ צוּ פִירְן בַּיי דֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, י״ג תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ מְכַבֵּד זַיין עֶלְטֶערְן, סַיי דִי אֵייגֶענֶע עֶלְטֶערְן אוּן סַיי דִי שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי קִידּוּשִׁין א, ז): "רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי אוֹמֵר", רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי זָאגְט, "גָּדוֹל הִיא כִּיבּוּד אָב וָאֵם", דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, וַוייל מִיר גֶעפִינֶען, "שֶׁהֶעֱדִיפוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יוֹתֵר מִכְּבוֹדוֹ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער

הָאט אוּנְז בַּאפוֹילְן מֶען זָאל מֶער מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע ווִי מֶען זָאל מְכַבֵּד זַיין אִים אַלֵיינְס.

עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט זִיךְ צוּ מַאכְן גְּדָרִים וּסְיָגִים וָואס מֶען עֶסְט, וֶועלְכֶע הֶכְשֵׁר אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אָבֶּער וֶוען מֶען גֵייט צוּ דִי עֶלְטֶערְן - פִּירְט מֶען זִיךְ אַזוֹי ווִי זֵיי, אוּן וֶוען מֶען גֵייט צוּ דִי וַוייבְ'ס עֶלְטֶערְן - פִּירְט מֶען זִיךְ אַזוֹי ווִי זֵיי. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תּוֹסֶפְתָּא בְּרָכוֹת ב, כב): "הִלֵּל הַזָּקֵן אוֹמֵר אַל תֵּרָאֶה עָרוּם, אַל תֵּרָאֶה לָבוּשׁ, אַל תֵּרָאֶה עוֹמֵד, אַל תֵּרָאֶה יוֹשֵׁב, אַל תֵּרָאֶה שׂוֹחֵק, אַל תֵּרָאֶה בּוֹכֶה"; מֶען זָאל נִישְׁט זַיין אַנְדֶערְשׁ וואוּ מֶען גֶעפִינְט זִיךְ.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט חוּמְרוֹת, זֵיי הָאבְּן אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אוֹיף נִישְׁט עֶסְן פְלֵייש, אוּן מוֹהֲרַ"ש הָאט זֵיי גֶעזָאגְט, וֶוען זֵיי גֵייעֶן צוּ דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן זֵיי עֶסְן וָואס מֶען לֵייגְט זֵיי אִין טֶעלֶער, (פַארְשְׁטֵייט זִיךְ עֶרְלִיכֶע עֶלְטֶערְן וָואס עֶסְן מִיט עֶרְלִיכֶע הֶכְשֵׁרִים).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וָואס קֶען אִיךְ גֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער צוּ טוּן נָאךְ חֵדֶר?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ צְוֵויי בָּחוּרִים אוּן אַ גְרוֹיסֶער אִינְגְל, אוּן אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ וָואס זֵיי צוּ גֶעבְּן צוּ טוּן נָאךְ חֵדֶר אוּן יְשִׁיבָה. אַבִּיסְל לֵיינֶען זֵיי, אַבִּיסְל הֶעלְפְן זֵיי אוּן אַבִּיסְל שְׁפִּילְן זֵיי, אָבֶּער עֶס בְּלַייבְּט נָאכַאלְץ אִיבֶּער אַסַאךְ צַייט וָואס זֵיי גֵייעֶן מַמָּשׁ לֵיידִיג. זֵיי שְׁטֵייעֶן אוֹיף מַיין וַוייבְ'ס קָאפּ אוּן אַלֶעס וֶוערְט אָנְגֶעצוֹיגְן? וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, י"ג תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוער עֶס וויל זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, אִיז דָא אֵיין עֵצָה - תְּפִלָּה; בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם.

מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט זֵייעֶר אַסַאךְ אִין דִי בְּרִיוו דִי מַעֲשֶׂה וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (תַּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק יח): "מַעֲשֶׂה בְּכֹהֵן אֶחָד", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ כֹּהֵן, "שֶׁהָיָה יְרֵא שָׁמַיִם בַּסֵּתֶר", זֵייעֶר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, "וְהָיוּ לוֹ עֲשָׂרָה בָּנִים מֵאִשָּׁה אַחַת", עֶר הָאט גֶעהַאט צֶען קִינְדֶער, "שִׁשָּׁה זְכָרִים וְאַרְבַּע נְקֵבוֹת", זֶעקְס זוּן אוּן פִיר טֶעכְטֶער, "וּבְכָל יוֹם וָיוֹם הָיָה מִתְפַּלֵּל וּמִשְׁתַּטֵּחַ וּמִתְחַנֵּן וּמְבַקֵּשׁ רַחֲמִים", עֶר פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג זִיךְ אַרָאפְּוַוארְפְן אוֹיף דֶער עֶרְד, וֵויינֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וּמְלַחֵךְ בִּלְשׁוֹנוֹ עָפָר", עֶר פְלֶעגְט אוֹיפְלֶעקְן דֶער עֶרְד מִיט זַיין צִינְג (דָאס אִיז אַן אוֹיסְדְרוּק וִוי אֵיינֶער פַארְפִירְט אוּן וויל עֶפֶּעס פּוֹעֵל'ן) - "כְּדֵי שֶׁלֹּא יֵצֵא אֶחָד מֵהֶן לִידֵי עֲבֵירָה וְלִידֵי דְּבַר מְכֹעָר", אַז אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן קֵיינֶער זָאל נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ קַיין עֲבֵירוֹת, "אָמְרוּ, לֹא יָצְתָה אוֹתָהּ שָׁנָה וְלֹא שֵׁנִית וְלֹא שְׁלִישִׁית", אוּן מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיף אִים, עֶס אִיז נִישְׁט אַרִיבֶּער קַיין סַאךְ צַייט, נָאךְ אַ קוּרְצֶע צַייט, - "עַד שֶׁבָּא עֶזְרָא וְהֶעֱלָה אֶת יִשְׂרָאֵל מִבָּבֶל, וְהֶעֱלָה אִתּוֹ כֹּהֵן עִמָּהֶם", הָאט עֶזְרָא הַסּוֹפֵר צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט אַלֶע אִידְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן אוֹיפְגֶעבּוֹיט דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּן דֶער אִיד אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען פוּן דִי וָואס זֶענֶען צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען קַיין יְרוּשָׁלַיִם, "עַד שֶׁרָאָה כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים וּפִרְחֵי כְּהוּנָה מִבָּנָיו וּמִבְּנֵי בָנָיו עַד חֲמִשִּׁים שָׁנָה, וְאַחַר כָּךְ נִכְנַס אוֹתוֹ כֹּהֵן לְבֵית עוֹלָמוֹ", בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרוּיף צוּ גֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מִיט אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער צוּזַאמֶען מִיט עֶזְרָא הַסּוֹפֵר, אוּן אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוָוארְן כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. אוּן דֶער כֹּהֵן הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ וָואס אַלֶע פוּן זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן דִי עֲבוֹדָה אִינֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז תְּפִלָּה אִיז דִי עֵצָה זוֹכֶה צוּ זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.

הֶעלְף דַיין וַוייבּ מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער, קוּם אַהֵיים צַייטְלִיךְ הֶעלְפְן לֵייגְן שְׁלָאפְן דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער אוּן מִיט דִי עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער זָאלְסְטוּ פַארְבְּרֶענְגֶען אוּן זֵיי אוֹיפְבּוֹיעֶן; חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

**דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

### מֶעג אַ פְרוֹי נֶעמֶען אַ שׁוֹיעֶר אִין דִי נַיין טֶעג?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מֶעג אַ פְרוֹי נֶעמֶען אַ שׁוֹיעֶר אִין דִי נַיין טֶעג?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, י״ד תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.**

**דִי פּוֹסְקִים זָאגְן אַז פְרוֹיעֶן מֶעגְן זִיךְ שׁוֹיעֶרְן אִין דִי נַיין טֶעג, אָבֶער מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט זִיךְ צוּ פַּארְזוּימֶען, מַאכְן אַ קוּרְצֶע שְׁנֶעלֶע שׁוֹיעֶר.**

**מַיין זֵיידֶע קַארְלְסְבּוּרְגֶער רָב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט אַזוֹי פַּסְקְ׳נֶען.**

**דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

### וָואס אִיז דִי לֶעזוּנְג צוּ דִי נִסָּיוֹן פוּן עֵי.אֵיי.AI?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר מַיין לֶעבְּן. אִיךְ לֶערְן בָּרוּךְ הַשֵּׁם יֶעדְן טָאג פוּן יָאר, אוּן פַאר אַלֶע עֵצוֹת אוּן חִיזּוּק; עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אוֹיסְצוּרֶעכֶענֶען אַלֶעס.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אַזוֹי, לֶעצְטְנְס זֶענֶען אַלֶע מוֹסְדוֹת פַארְנוּמֶען צוּ מַאכְן אַסִיפוֹת וֶועגְן עֵי.אֵיי.AI, ווי שֶׁעדְלִיךְ דָאס אִיז פַאר קִינְדֶער, אַז זֵיי בַּאקוּמֶען אַ גוֹי'אִישֶׁע כְּמוֹ-חַבֵר אוֹיפְן

טֶעלֶעפָאן, און מֶען דארְף אֲפִילוּ נִישְׁט קַיין אִינְטֶערְנֶעט פַארְדֶעם, מֶען קֶען עֶס פְּשׁוּט רוּפְן אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן, אָבֶער אִיךְ הֶער נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם קַיין לֶעזוּנְג צוּ דֶעם פְּרָאבְּלֶעם. אִיךְ וֵוייס אַז בַּיים רֶבִּי'ן אִיז דָא אַ וֶועג אַרוֹיס פַאר אַלֶעס, וְויל אִיךְ וִויסְן אוֹיב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען מִיר עֶנְטְפֶערְן אוֹיף דֶעם, און אוֹיךְ וָואס זָאל אִיךְ זָאגְן פַאר מַיינֶע קִינְדֶער וֶועגְן דֶעם?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, ט"ו תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי נִסְיוֹנוֹת אִינֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר זֶענֶען זֵייעֶר גְרוֹיס, מִיר הָאבְּן הַיינְט גְרֶעסֶערֶע נִסְיוֹנוֹת פוּנֶעם דוֹר הַמַּבּוּל און פוּן דוֹר הַפְּלָגָה. מוֹהֲרַאְ"שׁ זָאגְט, אִינֶעם דוֹר הַמַּבּוּל אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזֶעלְכֶע נִסְיוֹנוֹת וִוי הַיינְט, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט זֶען שְׁמוּץ פוּן אַנְדֶערֶע שְׁטֶעט, פוּן אַנְדֶערֶע לֶענְדֶער; אָבֶער הַיינְט קֶען מֶען זֶען אִין קָאמְפְּיוּטֶער, אִין אַ קְלֵיינֶעם טֶעלֶעפָאן, אִין אַ קְלֵיינֶעם מַאשִׁינְדְל - שְׁמוּץ פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט רַחֲמָנָא לִצְלָן; דִי פְּרִיצוּת אִיז גֶעפֶערְלִיךְ, דִי טוּמְאָה אִיז זֵייעֶר פַארְשְׁפְּרֵייט, עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען אַזֶעלְכֶע נִסְיוֹנוֹת וִוי הַיינְט.

אַלֶע שְׁטֵייעֶן מִיט שְׁרֶעק און פְרֶעגְן 'וָואס גֵייט זַיין מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער און אֵיינִיקְלֶעךְ? וִוי אַזוֹי גֵייט דִי וֶועלְט אוֹיסְזֶען אִין צֶען יָאר אַרוּם? אִין צְוָואנְצִיג יָאר אַרוּם? וִוי קֶען זַיין אַ דוֹר מִיט אַזוֹיפִיל טוּמְאָה? וָואס קֶען מֶען טוּן?' עֶס אִיז עֶק וֶועלְט; מוֹהֲרַאְ"שׁ עֶנְטְפֶערְט דִי פְּרַאגֶע, מוֹהֲרַאְ"שׁ זָאגְט, אַז עֶס אִיז אַזוֹי גְרִינְג צוּצוּקוּמֶען צוּ אַלֶע טוּמְאָה און זֻהֲמָה - מוּז אוֹיךְ זַיין זֵייעֶר גְרִינְג צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, וַוייל: "גַּם אֶת זֶה לְעֻמַּת זֶה עָשָׂה הָאֱלֹקִים" (קֹהֶלֶת ז, יד), אַז דִי טוּמְאָה אִיז גֶעפֶערְלִיךְ - אִיז דִי קְדוּשָּׁה אוֹיךְ זֵייעֶר גֶעפֶערְלִיךְ; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נִישְׁט נִסְיוֹנוֹת אוּמְדֶערְטְרֶעגְלִיךְ, אָן אַ רְפוּאָה. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִילָּה יג:) "אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַכֶּה אֶת יִשְׂרָאֵל", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּרֶענְגְט נִישְׁט קַיין שְׁוֶועריקֵייטְן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, "אֶלָּא אִם כֵּן בּוֹרֵא לָהֶם רְפוּאָה תְּחִלָּה", נָאר נָאכְן אָנְגְרֵייטְן

אַ הֵיילוּנג, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (הוֹשֵׁעַ ז, א): "כְּרָפְאִי לְיִשְׂרָאֵל", וֶוען אִיךְ וִויל הֵיילְן דִי אִידְן, "וְנִגְלָה עֲוֹן אֶפְרַיִם", וֶוערְט אַנְטְפְּלֶעקְט דִי עֲבֵירוֹת זֵייעֶרֶע; אוּן אַז מִיר שְׁטֵייעֶן בַּיים סוֹף פָּסוּק פוּן "וְנִגְלָה עֲוֹן אֶפְרַיִם", אוּנְזֶער דוֹר אִיז אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת פַּאלְן אִין עֲבֵירוֹת, דַארְף מֶען ווִיסְן אַז מִיר הָאבְּן דֶעם אָנְפַאנְג פָּסוּק פוּן "כְּרָפְאִי לְיִשְׂרָאֵל", עֶס אִיז דָא אַ רְפוּאָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שְׁטֵייט קֶעגְן דִי טוּמְאָה פוּנֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר, אוּן וֶוער עֶס לֶערְנְט זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים, זַיינֶע הֵיילִיגֶע חִיזוּק אוּן עֵצוֹת - הָאט אַ וֶועג צוּ בַּייקוּמֶען אַלֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי דִי פְּרִיעֶרְדִיגֶע צַדִּיקִים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט דִי לֶעצְטֶע שְׁטִיק צַייט פוּן זַיין לֶעבְּן - אֵיידֶער זַיין הִסְתַּלְּקוּת - נָאר פוּן אֵיין זַאךְ, פוּן אֱמוּנָה; וַוייל דָאס אִיז דִי רְפוּאָה פַאר אַלֶע נִסְיוֹנוֹת, מֶען זָאל גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִינְט זִיךְ אִיבֶּעְרָאל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר, אִיךְ קֶען צוּ אִים רֶעדְן אוּן עֶר הֶערְט אוֹיס יֶעדֶעס וָוארְט וָואס אִיךְ בֶּעט אִים; דָאס רַאטֶעוֶועט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת.

מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ קִינְדֶער פוּן אֱמוּנָה אוּן פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם. דֶערְצֵייל פַאר דַיינֶע קִינְדֶער אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶר פִירְט אַלֶעס, עֶר טוּט אוּן מַאכְט אַלֶעס, רֶעד צוּ זֵיי אַסַאךְ פוּן אֱמוּנָה, אוּן וֶוען דוּ שְׁמוּעֶסְט מִיט זֵיי, פוּן וָואס זָאל נָאר זַיין; פוּן נַייעֶס, פוּן מַעֲשִׂיוֹת, פוּן וָואס נִישְׁט - אַלְץ זָאלְסְטוּ פְּרוּבִּירְן אַרַיינְצוּפְלֶעכְטְן דִי אֱמוּנָה, וַוייל דָאס אִיז דֶער עִיקָּר פוּן אַלֶעם.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ רֶעדְן מִיט זֵיי פוּן זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אִין קְדוּשָׁה, נִישְׁט צוּרִירְן צוּם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, אוּן אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם אַ חַבֵר אָדֶער אַ צְוֵוייטֶער ווִיל אִים אָנְרִירְן - זָאל עֶר אַנְטְלוֹיפְן אוּן שְׁרֵייעֶן, אוּן אַוַדַאי קוּמֶען דֶערְצֵיילְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיז דֶער תַּכְלִית אוֹיף דֶער וֶועלְט צוּ לַיידְן אָדֶער הֲנָאָה צוּ הָאבְּן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אַלֶץ אַז מֶען דַארְף אַלֶעמָאל דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זָאגְן 'שְׁכַּח אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר מַיין לֶעבְּן', וויל אִיךְ דָאס מֶער פַארְשְׁטֵיין; וַוייל פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְּרוּבִּירְט אוֹיס יֶעדְן מֶענְטְשׁ מִיט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן ווִי אַ גְרֶעסֶערֶער צַדִּיק מֶען אִיז - פְּרוּבִּירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיס מִיט שְׁוֶוערֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וויל זֶען צִי מֶען וֶועט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן. אוֹיבּ אַזוֹי פַארְוָואס דַארְף מֶען זָאגְן 'שְׁכַּח אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר מַיין לֶעבְּן'? דֶער תַּכְלִית פוּן דֶער וֶועלְט אִיז דָאךְ בִּכְלַל נִישְׁט הֲנָאָה צוּ הָאבְּן דָא, דֶער תַּכְלִית פוּן דֶער וֶועלְט אִיז דָאךְ אַז מֶען זָאל הָאבְּן שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן מֶען זָאל זִיךְ וַוייטֶער הַאלְטְן שְׁטַארְק בַּיי דִי אֱמוּנָה, וַוייטֶער הִיטְן תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען בַּאקוּמֶען שְׂכַר אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט אָפְּרֶעדְן, וַוייל אַלֶעס קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער אִיז דִי תַּכְלִית פוּן דִי וֶועלְט הֲנָאָה צוּ הָאבְּן, אָדֶער אִיז דֶער תַּכְלִית צוּ לַיידְן אוּן שְׁוַוייגְן אוּן בְּלַייבְּן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה?

אַזוֹי אוֹיךְ, דִי אַלֶע סָארְט לְשׁוֹנוֹת וָואס מֶען נוּצְט דָא אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, צוּם בֵּיישְׁפִּיל "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ מִיר" - פַארְשְׁטֵיי אִיךְ נִישְׁט; גְרַאדֶע אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טַאקֶע גוּט צוּ מִיר, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַ גוּטֶע לֶעבְּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אָבֶּער דָאס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט דִי נְקוּדָה, אַז אִיךְ וֶועל הָאבְּן אַ גוּטֶע לֶעבְּן דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, וֶועל אִיךְ דָאךְ גָארְנִישְׁט בַּאקוּמֶען פַאר דֶעם אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אִיךְ וֶועל נִישְׁט הָאבְּן מִיט וָואס אַהֵיימְצוּגֵיין אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

מֶען קֶען הֶעכְסְטְנְס זָאגְן, אִיךְ גְלֵייבּ אַז אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז פַאר מַיין טוֹבָה, אַז עֶס זָאל מִיר זַיין גוּט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט; וָואס אִיז דֶער גֶעדַאנְק פוּן זָאגְן אַז אִיךְ הָאבּ אַ גוּט לֶעבְּן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, ט״ז תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הֲגַם אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט אַזוֹי פִּינְקְטְלִיךְ וָואס דִיךְ שְׁטֶערְט אוּן וָואס דִי פְּרַאגֶע אִיז - דָאךְ וֶועל אִיךְ דִיר עֶנְטְפֶערְן מִיט אַפָּאר שֵׁיינֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן קיט) יֶעדֶער אֵיינֶער לַיידְט יְסוּרִים, עֶס אִיז נִישְׁט פַארְהַאן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין יְסוּרִים. אוּן אֲפִילוּ דִי גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים זֶענֶען אוֹיךְ פִיל מִיט יְסוּרִים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (אִיּוֹב ה, ז): "אָדָם לְעָמָל יוּלָד, קְצַר יָמִים וּשְׂבַע רֹגֶז", אַ מֶענְטְשׁ אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן זִיךְ צוּ מוּטְשֶׁען, דָאס לֶעבְּן פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז וֵויינִיג אוּן פִיל מִיט וֵוייטָאג. אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ (קֹהֶלֶת ב, כג): "גַּם כָּל יָמָיו כַּעַס וּמַכְאוֹבוֹת", דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז פִיל מִיט כַּעַס אוּן וֵוייטָאג אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם עֵצָה ווּאוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן - נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה.

אָבֶּער דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי מֶען זָאל אוֹיפְנֶעמֶען דִי שְׁוֶוערֶע טֶעג. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם חֵלֶק א׳, סִימָן קצה) אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זוּכְן אִין דִי צָרָה דָאס גוּטְס וָואס אִיז דָא, אַזוֹי וִוי מִיר זֶעעֶן, דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעזוּכְט עֶפֶּעס גוּטְס אוֹיף וָואס עֶר קֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֲפִילוּ וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף אִים שְׁוֶוערֶע טֶעג - הָאט עֶר גֶעזוּכְט דָאס גוּטְס. אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִּים ד, ב): **"'בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי', רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַאנְק דִיר אוֹיף דֶעם וָואס אִין דִי צָרָה - הָאסְטוּ מִיר בְּרֵייט גֶעמַאכְט"**, אוּן וֶוען מֶען קוּקְט אוּן מֶען זוּכְט דָאס גוּטְס, אוּן מֶען דַאנְקְט אוֹיף דָאס גוּטְס - וֶוערְט בֶּאֱמֶת אַן הַרְוָחָה, עֶס וֶוערְט בְּרֵייט; ווַייל וִוי נָאר מֶען הוֹיבְּט אָן דַאנְקֶען, מֶען הוֹיבְּט אָן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוערְט זֵייעֶר גוּט.

לָאז אָפּ דִי חָכְמוֹת, נֶעם דֶעם רֶבִּינְ׳ס וֶוערְטֶער בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת; דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער

דִיר גֶעבְּן נָאךְ אוּן נָאךְ חֲסָדִים. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט נָאךְ פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן: "וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אָפּ, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: 'קוּקְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, אִיךְ גֶעבּ אִים גוּטְס אוּן דָאךְ רֶעדְט עֶר זִיךְ אָפּ, אִיךְ וֶועל אִים וַוייזְן וָואס מֵיינְט שְׁלֶעכְטְס', אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: 'קוּקְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט אִין זַיין לֶעבְּן אוּן דָאךְ אִיז עֶר אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אוּן דַאנְקְבַּאר, אִיךְ וֶועל אִים וַוייזְן וָואס מֵיינְט גוּטְס', אוּן מֶען גֶעבְּט אִים אַ גוּטֶע לֶעבְּן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בִּין אִיךְ רוּאִיגֶער אָן דֶעם טֶעלֶעפָאן אִינְדֶערְהֵיים?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ תַּלְמִיד פוּן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פוּנְדֶערְוַוייטְנְס, אִיךְ הֶער אוֹיס אוּן אִיךְ הַאלְט מִיט אַלֶע שִׁיעוּרִים פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אִיךְ בִּין זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק מִיט דִי שִׁיעוּרִים, אוּן הַלְוַואי זָאל אִיךְ אֵיין טָאג שׁוֹין אָנְקוּמֶען אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ.

אִיךְ וִויל זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים, אָבֶּער סְפֶּעצִיֶעל פַאר דִי לֵיל שִׁשִּׁי שִׁיעוּר פוּן דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר וֶוען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶערֶעדְט גָאר שְׁטַארְק וֶועגְן נִישְׁט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ סְמַארְטְפָאוֹן וְכַדּוֹמֶה אִינְדֶערְהֵיים. דֶער שִׁיעוּר הָאט מִיר גָאר שְׁטַארְק בַּאנוּמֶען, אוּן זַייט יֶענֶעם שִׁיעוּר בְּרֶענְג אִיךְ טַאקֶע נִישְׁט אַרַיין מַיין טֶעלֶעפָאן אִין הוֹיז, אִיךְ לָאז עֶס אִינְדְרוֹיסְן אִינֶעם פָּאסְט-קֶעסְטְל.

אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט מַיין וַוייבּ אוֹיבּ אִיךְ בִּין רוּאִיגֶער אָן דֶעם טֶעלֶעפָאן אִינְדֶערְהֵיים, זָאג זִי מִיר: "רוּאִיגֶער?! דוּ בִּיסְט דָא, דוּ פְלֶעגְסְט נִישְׁט דָא זַיין".

קֵיינֶער קֶען נִישְׁט פוֹעֶל'ן בַּיי מִיר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען; דִי שִׁיעוּר אִיז בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוֶוען שַׁארְף, עֶס אִיז גֶעוֶוען פָּשׁוּט דֶער אֱמֶת אוּן פוּן הַארְץ אַרוֹיס, אוּן עֶס הָאט נִישְׁט נָאר מִיט אִידִישְׁקֵייט, נָאר פָּשׁוּט מֶענְטְשְׁלִיכְקֵייט כְּלַפֵּי דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.

יְיִשַׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, שִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעבּ אַ קוּק וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת וָואס הָאבְּן גֶעפָּאלְגְט דִי רַבָּנִים נָאכְן קְרִיג, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט אַרַיינְגֶענוּמֶען קַיין טֶעלֶעוִויזְשְׁן אִין שְׁטוּבּ; דִי אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת וָואס הָאבְּן גֶעפָּאלְגְט הָאבְּן הַיינְט שֵׁיינֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת, קִינְדֶער, אֵיינִיקְלֶעךְ אוּן אוּר אֵיינִיקְלֶעךְ, אוּן דִי אַלֶע חֲכָמִים וָואס הָאבְּן גֶעהַאלְטְן אַז זֵיי פַאְרשְׁטֵייעֶן בֶּעסֶער וִוי דִי רַבָּנִים, זֵיי הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעלַאכְט, זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט "מֶען קֶען מֵיינֶען אַ טֶעלֶעוִויזְשְׁן אִיז אַזוֹי הַארְבּ, שְׁטוּתִים, נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ", זֵיי הָאבְּן יָא גֶעהַאלְטְן אִין שְׁטוּבּ דִי פַארְדָארְבֶּענֶע כֵּלִי - וָואס הָאבְּן זֵיי הַיינְט? דִי אֵיינִיקְלֶעךְ וֵוייסְן שׁוֹין גָארְנִישְׁט פוּן אִידִישְׁקֵייט רַחֲמָנָא לִצְּלָן.

מִיר דַארְפְן זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן פוּן שְׁלָאף, מִיר דַארְפְן פָּאלְגְן דִי רַבָּנִים, דִי צַדִּיקִים - וָואס ווילְן נָאר אוּנְזֶער גוּטְס, זֵיי ווילְן נָאר מִיר זָאלְן הָאבְּן גֶעזוּנְטֶע שְׁטִיבֶּער אוּן מִיר זָאלְן קֶענֶען אוֹיפְצִיעֶן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, מִיר דַארְפְן פָּאלְגְן אֲפִילוּ עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי בַּאקְוֶועם, דֶעמָאלְט וֶועלְן מִיר הָאבְּן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט, דָאס וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט בַּיי דִי תּוֹכֵחָה (דְּבָרִים כח, לד): "וְהָיִיתָ מְשֻׁגָּע מִמַּרְאֵה עֵינֶיךָ אֲשֶׁר תִּרְאֶה", דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן; מֶען זֶעט מֶענְטְשְׁן וֶוערְן מְשׁוּגָע פוּן קוּקְן מָאוִויס, קְלִיפֶּס וְכַדּוֹמֶה, עֶס נֶעמְט אַוֶועק דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן בַּאוואוּסְטְזֵיין; מֶען קֶען זִיצְן שָׁעוֹת אוֹיף שָׁעוֹת, גַאנְצֶע טֶעג, גַאנְצֶע נֶעכְט - קוּקְן אִינֶעם טֶעלֶעפָאוֹן, קוּקְן נָאךְ עֲבֵירוֹת אוּן נָאךְ עֲבֵירוֹת, דָאס אִיז מַמָּשׁ וָואס שְׁטֵייט: "וְהָיִיתָ מְשֻׁגָּע מִמַּרְאֵה עֵינֶיךָ אֲשֶׁר תִּרְאֶה", מֶען וֶוערְט קְרַאנְק.

וָואס וָואלְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט וֶועגְן הָאבְּן אַ טֶעלֶעפָאן וָואס מֶען קֶען זֶען עֲבֵירוֹת? גֶעבּ אַ טְרַאכְט, וָואס וָואלְט דֶער רֶבִּי אוּנְז גֶעזָאגְט - מִיר זָאלְן דָאס הָאבְּן אָדֶער נִישְׁט?

הֶער אַ מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט בַּיים רֶבִּי'ן אִין שְׁטוּבּ, אָדְל דִי טָאכְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאט אַמָאל גֶעהָאלְפְן פַאר פֶּסַח מְסַדֵּר זַיין דֶעם רֶבִּינְ'ס דִירָה, אִיבֶּערְדֶעקְן דִי מֶעבְּל עֶס זָאל נִישְׁט וֶוערְן שְׁמוּצִיג וֶוען מֶען הָאט אִיבֶּערְגֶעפַארְבְּט דֶעם רֶבִּינְ'ס שְׁטוּבּ. אוֹיפְן וַואנְט הָאט גֶעהָאנְגֶען גָאר אַ טֵייעֶרֶער זֵייגֶער, הָאט אָדְל גֶענוּמֶען אַ טִיכְל וָואס פְּרוּיעֶן טוּעֶן אָן אוֹיפְן קָאפּ אוּן אִיבֶּערְגֶעדֶעקְט דֶערְמִיט דֶעם זֵייגֶער, אַז דִי זֵייגֶער זָאל נִישְׁט שְׁמוּצִיג וֶוערְן. הָאט אִיר דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "נֶעם עֶס אַרָאפּ אוּן דֶעק עֶס אִיבֶּער מִיט אַ צְוֵוייטֶע זַאךְ", דֶער רֶבִּי זָאגְט אִיר: "מִיט דֶעם דֶעקְסְטוּ אִיבֶּער דֶעם זֵייגֶער? דוּ וֵוייסְט נִישְׁט אַז עֶס אִיז דָא הַיינְט שְׁוַואכֶע מֹחוֹת, אוּן וֶוען זֵיי זֶעעֶן אַ טִיכְל בַּאקוּמֶען זֵיי שׁוֹין שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת..."

זִיכֶער וָואלְט דֶער רֶבִּי אוּנְז גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ הָאבְּן אַ טֶעלֶעפָאן וָואס מֶען קֶען זֶען אֲפִילוּ נָאר אֵיין שְׁלֶעכְטֶע בִּילְד אוּן זִיכֶער וֶוען עֶס נֶעמְט אַוֶועק דִי מֹחַ, קָאפּ אוּן הַארְץ, אוּן עֶס גֵייט אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן לֵיידֶער זֶעעֶן שׁוֹין זֵייעֶר אַסַאךְ אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער חָרוּב גֶעוָוארְן צוּלִיבּ דֶעם סְמַארְטְפָאוֹן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מֶעג אַן אַרְבֵּייטֶער אַיינְטֵיילְן פַאר זַיין אוֹיבֶּערְהָאר ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וִויל פְרֶעגְן אוֹיבּ אַן אַרְבֵּייטֶער מֶעג זָאגְן פַאר זַיין מֶענֶעדְזְשֶׁער אַוֶועקְצוּלֵייגְן זַיין טֶעלֶעפָאן וֶוען עֶר רֶעדְט צוּ אִים אָדֶער וֶוען עֶר טוּט אַרְבֶּעט אִין דִי וֶוערְהוֹיז?

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ פֵיינֶע פַּרְנָסָה, אוּן אִיךְ קוּם זִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זֵייעֶר גוּט אוֹיס מִיט מַיין מֶענֶעדְזְשֶׁער, אָבֶּער צוּלִיבּ כַּמָּה סִיבּוֹת אִיז אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז אִיךְ דַארְף זֵייעֶר אַסַאךְ זַאכְן דוּרְכְרֶעדְן מִיט מַיין מֶענֶעדְזְשֶׁער אוּן אִיךְ וֶוער פָּשׁוּט צֶעדְרֵייט, עֶר קֶען נִישְׁט

טוּן עֶפֶּעס פַּאר מֶער ווי צְוָואנְצִיג סֶעקוּנְדֶעס אָן אוֹיפְהֵייבְּן אַ טֶעלֶעפָאן קָאל, עֶנְטְפֶערְן אַ וואטְסְעֶפּ, אוּן עֶנְטְפֶערְן אַ בִּיפּ אוֹיף זַיין צְווייטֶע טֶעלֶעפָאן.

עֶס אִיז נִישְׁט אַז עֶר קוּקְט סְטַאטוּס אָדֶער סְתָם שְׁטוּתִים וְכַדוֹמֶה, רוֹב מָאל אִיז עֶס וויכְטִיגֶע טֶעלֶעפָאן קָאלְס וָואס הָאט מִיט דִי בִּיזְנֶעס, אָבֶּער אִיךְ וֶוער שׁוֹין צֶעפְּלַאצְט. עֶר זִיצְט אִין אָפִיס רוֹב טָאג, אָבֶּער וֶוען אִיךְ רוּף אִים אָדֶער אִיךְ רֶעד מִיט אִים אִין זַיין אָפִיס, אָדֶער וֶוען עֶס מאכְט זִיךְ אַמָאל אַז אִיךְ דַארְף נָאךְ צְוֵויי הֶענְט, רוּף אִיךְ אִים אַרָאפּ, אוּן רוֹב מָאל עֶנְדִיגְט זִיךְ עֶס אַז אִיךְ דַארְף צְוֵויי מָאל אַרְבֶּעטְן, נָאר צוּ פַארֶערְכְטְן זַיינֶע טָעוּתִים, אוּן אִיךְ הַאלְט אַז וֶוען עֶר זָאל וֶוען צוּלֵייגְן קָאפּ צוּ וָואס עֶר טוּט - וָואלְט עֶס נִישְׁט אוֹיסְגֶעזֶען אַזוֹי; מֶעג אִיךְ אִים שֵׁיינֶערְהֵייט זָאגְן עֶר זָאל אַוֶועקְלֵייגְן זַיין טֶעלֶעפָאן?

אִיךְ וָואלְט מִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט צוּ בַּאקוּמֶען אַן עֶנְטְפֶער, אִיךְ בַּאקוּם אַלֶע מַיינֶע תֵּירוּצִים אוֹיף אַלֶע שְׁאֵלוֹת אִין מַיין לֶעבְּן פוּן דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע קוּנְטְרֵס "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה".

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, שִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נֶעם זִיךְ מִיט אִין דִי אַרְבֶּעט אַ זֶעקֶל סְפָרִים; אַ חוּמָשׁ'ל, אַ מִשְׁנָיוֹת'ל, אַ תְּהִלִּים וְכַדוֹמֶה, אוּן זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י. טֵייל אַיין דִי פַּרְשָׁה לוֹיט דִי וָואךְ; זוּנְטָאג לֶערְן בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג לֶערְן בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, בִּיז סוֹף וָואךְ. אוֹיךְ מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנָיוֹת, יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט - זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן תְּהִלִּים.

מֶען גֵייט שׁוֹין בַּאלְד אַהֵיים, דִי נְשָׁמָה גֵייט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט נוּצְן, קֵיינֶער בְּלַייבְּט נִישְׁט לֶעבְּן, אַלֶע מוּזְן אַהֵיימְגֵיין. ווִי לַאנְג לֶעבְּט מֶען? זִיבֶּעצִיג יָאר אָדֶער אַכְצִיג יָאר, אוּן נָאכְדֶעם גֵייט דִי נְשָׁמָה אַרוֹיף אוֹיבְן אוּן עֶס אִיז אַזַא רַחְמָנוּת אוֹיף אִיר, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט דִי צַעַר אוּן וֵוייטָאג וָואס דִי נְשָׁמָה הָאט; דָארְט נוּצְט נִישְׁט קֵיין בִּיזְנֶעס, דָארְט נוּצְט

נִישְׁט קַיין חֲבֵרִים, נָאר דָאס בִּיסְל תּוֹרָה, תְּפִלָּה אוּן גְּמִילוּת חֲסָדִים, דָאס נוּצְט מֶען.

גֵיי נִישְׁט אִין אַרְבֶּעט אָן אַ זֶעקְל סְפָרִים, גְרֵייט זִיךְ אָן יֶעדְן טָאג עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען פַאר דִיר. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כג): "בָּעוֹלָם הַבָּא מֻנָּחִין כַּמָּה בְּנֵי אָדָם בַּחוּץ וְהֵם צוֹעֲקִים בְּקוֹל מַר", אוֹיבְן אִין הִימְל זֶענֶען דָא נְשָׁמוֹת וָואס שְׁרֵייעֶן מִיט אַ בִּיטֶערֶער קוֹל: "תְּנוּ לָנוּ מַה לֶאֱכֹל", גֶעבְּט אוּנְז עֶסְן מִיר זֶענֶען הוּנְגֶערִיג, גֶעבְּט אוּנְז טְרִינְקֶען מִיר זֶענֶען דוּרְשְׁטִיג, "וּבָאִין אֶצְלָם וְאוֹמְרִים לָהֶם: 'הֲרֵי לָכֶם אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה, אִכְלוּ וּשְׁתוּ'", מֶען בְּרֶענְגְט זֵיי עֶסְן, מֶען זָאגְט זֵיי דָא הָאט אִיר פֵיינֶע עֶסְן, מֶען בְּרֶענְגְט זֵיי טְרִינְקֶען אוּן מֶען זָאגְט זֵיי דָא הָאט אִיר פֵיינֶע טְרִינְקֶען, "וְהֵם מְשִׁיבִים, 'לֹא לֹא, אֵין אָנוּ צְרִיכִים אֲכִילָה זֹאת, רַק אָנוּ צְרִיכִים אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה שֶׁל תּוֹרָה וַעֲבוֹדָה'", דִי נְשָׁמוֹת שְׁרֵייעֶן נֵיין, נֵיין, נִישְׁט דָאס מֵיינֶען מִיר, נִישְׁט דִי עֶסְן, מִיר דַארְפְן עֶסְן פוּן לֶערְנֶען אוּן דַאוְוענֶען, "וְכֵן מֻנָּחִים כַּמָּה בְּנֵי אָדָם עֲרֻמִּים בַּחוּץ וְהֵם צוֹעֲקִים גַּם כֵּן מְאֹד", נָאכְדֶעם זֶענֶען דָא נְשָׁמוֹת וָואס שְׁרֵייעֶן: "תְּנוּ לָנוּ בַּמֶּה לְהִתְכַּסּוֹת", בְּרֶענְגְט אוּנְז קְלֵיידֶער, מִיר דַארְפְן זִיךְ צוּדֶעקְן, "וּבָאִין אֶצְלָם וְאוֹמְרִים, 'הֲרֵי לָכֶם מַלְבּוּשִׁים'", מֶען בְּרֶענְגְט זֵיי קְלֵיידֶער, מֶען זָאגְט זֵיי דָא הָאט אִיר קְלֵיידֶער, "וְהֵם מְשִׁיבִים: 'לֹא, אֵין אֵלּוּ מַלְבּוּשִׁים נִצְרָכִים לָנוּ כְּלָל'", זָאגְן זֵיי נֵיין, נֵיין, נִישְׁט דִי סָארְט קְלֵיידֶער דַארְפְן מִיר, "רַק אָנוּ צְרִיכִים מִצְווֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים לְהִתְלַבֵּשׁ בָּהֶם", מִיר דַארְפְן קְלֵיידֶער פוּן מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים.

אוּן דֶער רֶבִּי פִירְט אוֹיס: "אַשְׁרֵי מִי שֶׁזּוֹכֶה לֶאֱכֹל כַּמָּה פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת וְלִשְׁתּוֹת אַחַר כָּךְ אֵיזֶה קַפִּיטְלִיךְ תְּהִלִּים, וּלְהִתְלַבֵּשׁ בְּאֵיזֶה מִצְוֹת", ווארויל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶסְט יֶעדְן טָאג פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, טְרִינְקְט קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים אוּן טוּט זִיךְ אָן מִיט מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים.

דוּ זָאלְסְט נִישְׁט אַיינְטֵיילְן פַאר דַיינֶע בַּעֲלֵי בַּתִּים ווִי אַזוֹי צוּ פִירְן זֵייעֶר בִּיזְנֶעס, ווַייל אַז דוּ וֶועסְט זֵיי אַיינְטֵיילְן גוּטֶע גֶעדַאנְקֶען ווִי אַזוֹי צוּ פִירְן דִי בִּיזְנֶעס - וֶועלְן זֵיי דִיר זָאגְן: "זַיי מוֹחֵל, גֵיי עֶפְן אַלֵיין אַ בִּיזְנֶעס", אוּן דוּ וֶועסְט פַארְלִירְן דַיין פַּרְנָסָה. דוּ טוּ וָואס דַיין אַרְבֶּעט אִיז; אַרְבֶּעט גֶעטְרֵיי

און וֶוען עֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ דִי שָׁעוֹת וָואס דוּ דַארְפְסְט אַרְבֶּעטְן - זָאלְסְטוּ אַהֵיים גֵיין צוּ דַיין מִשְׁפָּחָה, הֶעלְפְן אִין שְׁטוּב און נָאכְדֶעם גֵיין דַאוֶוענֶען און לֶערְנֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אִיז דָא אַן הֶיתֵּר פַאר מִיר צוּ מֶעגְן קוּקְן מָאוִויס?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶס הָאט זִיךְ מִיר אַלֶעס גֶעלוּינְט פַאר דִי וַוארֶעמֶע שֵׁיינֶע בְּרִיוו וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו], דִי וֶוערְטֶער הָאבְּן מִיר גֶעגֶעבְּן אַסַאךְ חִיזּוּק און אַסַאךְ הִתְרַגְשׁוּת. טְרֶערְן הָאבְּן גֶעגָאסְן פוּן מַיינֶע אוֹיגְן וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעשְׁרִיבְּן. אָמֵן אוֹיף אַלֶע גוּטֶע בְּרָכוֹת, און אַ גְרוֹיסֶער יְיִשַׁר כֹּחַ; דֶער גְרֶעסְטֶער טֶערָאפִּיסְט קֶען נִישְׁט אוֹיפְטוּן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען.

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט מַזְכִּיר זַיין אַז אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן און דֶעפְּרֶעסְט, אִיךְ בִּין נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, עֶכְט דַארְף אִיךְ זַיין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְצְן טָאג.

נָאךְ אַ זַאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט אִיבֶּערְגֶעבְּן פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אַז אִיךְ הֶער נִישְׁט אוֹיף צוּ זוּכְן פוּן אוּנְטֶער דֶער עֶרְד וואוּ אִיךְ קֶען טְרֶעפְן עֶפֶּעס אַ שְׁטִיקֶל מָאוִוי, עֶפֶּעס אַ בְּרֶעקְל עֲבֵירוֹת, רַחֲמָנָא לִיצְלַן. אִיךְ זִיץ שָׁעוֹת אוֹיף שָׁעוֹת און אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ הֶעקְן דִי פִילְטֶער; אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס גֵייט פָאר מִיט מִיר, פַארְוָואס צִיט מִיר אַזוֹי שְׁטַארְק צוּ שְׁלֶעכְטְס און צוּ עֲבֵירוֹת?! אִיךְ שֶׁעם זִיךְ פוּן מִיר אַלֵיין, פַארְוָואס קֶען אִיךְ זִיךְ נִישְׁט אַיינְהַאלְטְן פוּן זוּכְן שְׁמוּץ? פוּן צוּרִיק אַרַיינְקְרִיכְן אִין בְּלָאטֶע?! אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז נִישְׁט גוּט פַאר מִיר, אִיךְ וֵוייס וִוי שֶׁעדְלִיךְ און עֶקְלְדִיג עֶס אִיז פַאר מַיין לֶעבְּן, פַאר מַיין נְשָׁמָה, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ עֶס נָאכְאַלְץ אַזוֹי לִיבּ, אִיךְ הָאבּ אַזוֹי לִיבּ צוּ וַואטְשְׁן און קוּקְן פַאלְשֶׁע זַאכְן.

אֶפְשַׁר מֶעג אִיךְ צוּרִיק אָנְהוֹיבְּן קוּקְן מָאוִויס? וַוייל עֶס הֶעלְפְט מִיר סַיי וִוי נִישְׁט,

נִישְׁט קַיין חִילוּק אַז עֶס אִיז דָא אַ פִילְטֶער, אוּן אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אֲוֶועקְגֶעוָוארְפְן מַיין סְמַארְטְפָאוֹן אוּן מַיין דִי.וִי.דִי. פְלֶעיֶער אוּן אַלֶע מָאוִויס וָואס אִיךְ הָאבּ צוּזַאמְגֶעקוֹיפְט. אָבֶּער יֶעדֶעס מָאל וָואס אִיךְ וַוארְף אֲוֶועק אַ שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ, בֶּענְק אִיךְ זִיךְ נָאכְדֶעם צוּרִיק צוּ מָאוִויס, נָאךְ מֶער פוּן פְרִיעֶר, אוּן אִיךְ זוּךְ אַ נַייעֶ וֶועג צוּרִיק צוּ מַיינֶע מָאוִויס.

וָואס אִיז דִי עֵצָה? אִיז דֶען דָא אַ וֶועג אַרוֹיס פַאר מִיר פוּן מַיין עֶדִיקְשְׁן? אִיךְ וִויל זַיין אֱמֶת'דִיג, אִין מַיין הַארְץ הָאף אִיךְ אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל מִיר עֶנְטְפֶערְן אַז אִיךְ מֶעג קוּקְן מָאוִויס. אִיךְ חָלוֹם פוּן מָאוִויס, אִיךְ חַלֶשׁ פַאר מָאוִויס! גָארְנִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט מִיךְ מֶער וִוי מָאוִויס, מַיין גַאנְצֶע מֹחַ אוּן מַחֲשָׁבָה אִיז נָאכְגַאלְץ מָאוִויס. וָואס טוּט מֶען?

אֶפְשָׁר בִּין אִיךְ שׁוּלְדִיג, וַוייל אִיךְ זָאג נִישְׁט יֶעדְן טָאג דִי תְּפִלָּה וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן שׁוֹין פִיר יָאר צוּרִיק...? [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו] אִיךְ הוֹיבּ אָן פוּן יֶעצְט עֶס צוּרִיק צוּ זָאגְן.

מִיט אַסַאךְ דַאנְקְבַּארְקֵייט.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, שִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר ווילְט אִיךְ זָאל אַייךְ גֶעבְּן אַ הֶיתֵּר צוּ קוּקְן מָאוִויס? ווִי קֶען אִיךְ דָאס טוּן? אִיךְ ווִיל עֶס זָאל אַייךְ גוּט זַיין, אִיךְ ווִיל אִיר זָאלְט זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן הָאבְּן אַ פַארְגֶענִיגְן פוּנֶעם לֶעבְּן, וָואס דָאס קֶען נִישְׁט גֵיין אִינְאֵיינֶעם מִיט קוּקְן מָאוִויס; וַוייל יֶעדֶע קְלִיפָּה אוּן יֶעדֶע מָאוִוי פוּן עֲבֵירוֹת, פוּן קוּקְן דִי גֶעמַאכְטֶע פַאלְשֶׁע לִיבְּשַׁאפְט פוּן פְרֶעמְדֶע וְכוּ' - שְׁטֶערְט דָאס לֶעבְּן, אוּן מַאכְט בְּעַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה; אִיךְ ווִיל אַייךְ עֶנְדֶערְשׁ גֶעבְּן חִיזּוּק אוֹיף נִישְׁט קוּקְן אוּן וֶועלְן וֶועלְן נִישְׁט קוּקְן - קַיין עֲבֵירוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אוּנְז (בַּמִּדְבָּר טו, לט): "וְלֹא תָתוּרוּ אַחֲרֵי לְבַבְכֶם וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם", מִיר זָאלְן נִישְׁט קוּקְן קַיין עֲבֵירוֹת; וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל אַז מִיר - אִידִישֶׁע קִינְדֶער - זָאלְן זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן הָאבְּן אַ פַארְגֶענִיגְן

פוּנֶעם לֶעבְּן, און נָאר אַז מֶען היט די אוֹיגְן און מַחֲשָׁבָה - קֶען מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ, הָאבְּן אַ פַארְגֶעניגְן פוּנֶעם לֶעבְּן.

די תְּפִלָּה וָואס אִיךְ הָאב אַייךְ גֶעשִׁיקְט שׁוֹין פִיר יָאר צוּרִיק, וָואלְט אִיר דָאס גֶעזָאגְט יֶעדְן טָאג - וָואלְט אִיר שׁוֹין לַאנְג גֶעוֶוען בַּאפְרֵייט, אִיר וָואלְט שׁוֹין לַאנְג גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ און גֶעלֶעבְּט מִיט אַייעֶר טֵייעֶרֶער מַאן; נָאר וָואס דֶען? אַז מֶען קוּקְט עֲבֵירוֹת - וֶוערְט מֶען אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן און צֶעקְלַאפְּט, מֶען גְלֵייבְּט מֶער נִישְׁט אִין זִיךְ אַלֵיין, מֶען גְלֵייבְּט מֶער נִישְׁט אַז מֶען הָאט אַ כֹּחַ צוּ צֶעבְּרֶעכְן די שְׁוֶוערְסְטֶע עֲדִיקְשְׁנְס.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, שְׁטַארְקְט אַייךְ אִין תְּפִלָּה; בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן טָאג נָאךְ טָאג עֶר זָאל אַייךְ הֶעלְפְן קֶענֶען הִיטְן די אוֹיגְן און אַייךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן.

דָא הָאט אִיר אַ פְרִישֶׁע תְּפִלָּה און אַז אִיר וֶועט דָאס זָאגְן וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶע צַדֶיקֶת:

אָנָּא הַשֵּׁם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן; אִיךְ בִּין אַזוֹי אַיינְגֶעזִינְקֶען אִין די עֲבֵירָה פוּן קוּקְן מָאוִויס, אִיךְ קֶען נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן קוּקְן די עֶקְלְדִיגֶע זַאכְן, אִיךְ בִּין אַזוֹי צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דֶעם אַז אִיךְ וִויל אֲפִילוּ נִישְׁט טְרַאכְטְן אַז אִיךְ גֵיי אֵיין טָאג אוֹיפְהֶערְן דָאס קוּקְן, אִיךְ מֵיין אַז דָאס וִויל אִיךְ.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ בִּין אַזַא רַחְמָנוּת, נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא רַחְמָנוּת וִוי מִיר; אִיךְ בִּין אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע, אִיךְ הָאב טֵייעֶרֶע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶערְלֶעךְ מִיט אַ טֵייעֶרֶער מַאן, און אִיךְ מִיט מַיין מֹחַ, מַיין הַארְץ, אַלֶעס פוּן מִיר - אִיז נָאר אִין אֵיין זַאךְ, אִין מָאוִויס; אִיךְ בִּין מַמָּשׁ קְרַאנְק צוּ קוּקְן עֶקְלְדִיגֶע זַאכְן, אַנְשְׁטָאט אִיךְ זָאל לֶעבְּן מִיט מַיין מִשְׁפָּחָה, מִיט מַיין מַאן - מִיט לִיבְשַׁאפְט - לוֹיף אִיךְ צוּם טֶעלֶעפָאן, צוּם קָאמְפְּיוּטֶער און אִיךְ פַארְשְׁמִיר מַיין נְשָׁמָה.

אָנָּא הַשֵּׁם, הֶעלְף מִיר, רַאטֶעוֶוע מִיר פוּן די קְלִיפּוֹת און פוּן די נִישְׁט גוּטֶע; אִיךְ בִּין דָאךְ אַ אִיד און אִיךְ וִויל זַיין גוּט, אִיךְ הָאב אַ נְשָׁמָה, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי עֶס צִיט מִיר אַ גַאנְצֶע צַייט צוּרִיק צוּ די מָאוִויס, אָבֶּער עֶכְט עֶכְט,

טִיף טִיף - בֶּענְקְט מַיין הַארְץ צוּ דִיר, מַיין נְשָׁמָה ווִיל זַיין אַ רֵיינֶע, אַ לוֹיטֶערֶע; אָנָּא הַשֵּׁם, מַאךְ מִיר אַ נֵס אִיךְ זָאל שׁוֹין זַיין עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג.

אָנָּא הַשֵּׁם, אִיךְ ווִיל לֶעבְּן מִיט דִיר, אִיךְ ווִיל דִיךְ שְׁפִּירְן, אִיךְ ווִיל זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיךְ ווִיל לֶעבְּן מִיט מַיין מַאן. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועזְן פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, בִּזְכוּת רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא וְרַבִּי נָתָן תַּלְמִידוֹ וְרַבֵּנוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר - זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ - זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה טוּן אוּן זַיין הֵיילִיג אוּן רֵיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[דִי עֶרְשְׁטֶע בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ:

אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי טוּט דִי רָצוֹן פוּנֶעם מַאן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, י״ג תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תְּחִיֶ׳

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר אַז אִיר לֶעבְּט מִיט אִים וְכוּ׳, אוּן אֲפִילוּ עֶס אִיז אַייךְ נִישְׁט גְרִינְג וְכוּ׳ אוּן אִיר הָאט נִישְׁט קֵיין טַעַם וְכוּ׳ - דָאךְ טוּט אִיר דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיר גֵייט אֲפִילוּ קֶעגְן אַייעֶר ווִילְן.

דָאס אִיז וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק ט): ״אֵיזוֹהִי אִשָּׁה כְּשֵׁרָה״, וֶוער אִיז אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי - אַן אִשָּׁה כְּשֵׁרָה? ״כָּל שֶׁעוֹשָׂה רְצוֹן בַּעֲלָהּ״, דִי פְרוֹי וָואס טוּט דִי רָצוֹן פוּנֶעם מַאן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ בַּאצָאלְן מִיט עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, אוּן יְהִי רָצוֹן - שֶׁתִּשְׁרֶה שְׁכִינָה בְּמַעֲשֵׂה יְדֵיכֶם.

אִיר הָאט אַ טֵייעֶרֶער מַאן, עֶר רֶעדְט זִיךְ קֵיינְמָאל אָפּ, אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַסַאךְ צַייט וָואס מֶען לֶעבְּט נִישְׁט אִינְאֵיינֶעם - אִיז עֶר פְרֵיילִיךְ אוּן דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

דִי בְּרִיוּו מִיט דִי תְּפִלָּה צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ:

**בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְצוּהֶערְן קוּקְן מָאוִויס**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ז סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוּו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר לֶעבְּט אָפְּן מִיט אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר אוּן אִיר הָאט אַרָאפְּגֶענוּמֶען פוּן זִיךְ דֶעם דָאפְּלְטְן לֶעבְּן וְכוּ'; יֶעצְט וֶועט אַייךְ זַיין גְרִינְגֶער דָאס לֶעבְּן בִּכְלָל אוּן בִּפְרַט צוּ קֶענֶען בַּייקוּמֶען אַלֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת. יֶעצְט וֶועט עֶנְקֶער שָׁלוֹם בַּיִת וֶוערְן בֶּעסֶער אוּן בֶּעסֶער וֶוען אִיר וֶועט נִישְׁט לֶעבְּן אַ דָאפְּלְטֶע לֶעבְּן.

בְּנוֹגֵעַ אַייעֶר עֶדִיקֶשְׁן וָואס אִיר זֶענְט צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ קוּקְן מָאוִויס הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; אוֹיף דֶעם אִיז נָאר דָא אֵיין עֵצָה - דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג עֶר זָאל אַייךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי תַּאֲוָה.

אֲפִילוּ אִיר ווִילְט נִישְׁט בֶּעטְן אוֹיף דֶעם, אַזוֹי וִוי אִיר שְׁרַייבְּט אִינֶעם בְּרִיוּו, אַז אִיר ווִילְט אֲפִילוּ נִישְׁט בֶּעטְן אוֹיפְצוּהֶערְן קוּקְן מָאוִויס - דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, וַוייל בֶּאֱמֶת ווִילְט אִיר טוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אוּן וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט, נָאר ווִיבַּאלְד אִיר הָאט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ קוּקְן אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן וְכוּ' - אִיז אַייךְ זֵייעֶר שְׁוֶוער דָאס אָפְּצוּלָאזְן, אָבֶער בֶּאֱמֶת ווִילְט אִיר אַ גוּט לֶעבְּן, אַ זִיס לֶעבְּן אוּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, וָואס דָאס קוּמְט בִּזְכוּת דֶעם וָואס מֶען פִירְט זִיךְ עֶרְלִיךְ. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נְדָרִים כ.) אוֹיבּ מֶען קוּקְט אוֹיף עֲבֵירוֹת: "הַוְיָין לוֹ בָּנִים שֶׁאֵינָן מְהוּגָנִין", וֶועט מֶען הָאבְּן קִינְדֶער וָואס זֶענֶען נִישְׁט עֶרְלִיךְ; דֶערְפַאר זָאלְט אִיר בֶּעטְן יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר זָאלְט הָאבְּן כֹּחַ דָאס אָפְּצוּלָאזְן.

אִיךְ שְׁרַייבּ אַייךְ דָא אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה וָואס אִיר זָאלְט זָאגְן יֶעדְן טָאג:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ דַאנְק דִיךְ פַאר מַיין שֵׁיינֶע לֶעבְּן וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן שְׁפִּירְן שְׁטֶענְדִיג וִוי

דו בִּיסְט מִיט מִיר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן דִיךְ דִינֶען.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען פְרֵיילִיךְ מַאכְן מַיין מַאן, עֶס זָאל זַיין נָאר לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן מִיר אוּן מַיין מַאן. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אוֹיפְהֶערְן קוּקְן מָאווִיס, עֶס צִיט מִיר שְׁטֶענְדִיג צוּ קוּקְן נָאךְ אוּן נָאךְ, אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דֶעם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל דָאס אָפְּלָאזְן אוּן אַיינְזֶען דִי נַארִישְׁקֵייט פוּן קוּקְן מָאווִיס.

אֵייבֶּערְשְׁטֶער זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעקוּקְט בִּיז אַהֶער, אִיךְ בִּין נִישְׁט שׁוּלְדִיג, קֵיינֶער הָאט מִיר נִישְׁט גֶעזָאגְט אִין מַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן ווִי שֶׁעדְלִיךְ דָאס אִיז, אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט אַלְס יוּנְגֶע מֵיידְל צוּ קוּקְן אוּן יֶעצְט אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ אָפְּצוּלָאזְן פוּן דֶעם, בֶּעט אִיךְ דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער זַיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר, אִיךְ גֵיי פְּרוּבִּירְן דָאס בֶּעסְטֶע וָואס אִיךְ קֶען אוּן הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אָנְהוֹיבְּן לֶעבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע לֶעבְּן".

זֶעט צוּ הָאבְּן אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים; מַאכְט זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל אִין אִידִישׁ, אָדֶער אִין סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וָואס אִיז צוּזַאמְגֶענוּמֶען פוּן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים; עֵצוֹת אוּן חִיזוּק זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן צוּ זַיין אַ אִיד. דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמט): "שֶׁיְּכוֹלִין לִהְיוֹת נַעֲשֶׂה בַּעַל תְּשׁוּבָה גָּמוּר עַל יְדֵי לִמּוּד הַסֵּפֶר שֶׁלּוֹ", מֶען קֶען וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל תְּשׁוּבָה אַז מֶען לֶערְנְט זַיין סֵפֶר, "וְאָמַר, שֶׁמִּי שֶׁיֵּשֵׁב וְיַעֲסֹק בִּסְפָרָיו, רַק בְּלִי קִנְטוּר וְנִצָּחוֹן, וְיִסְתַּכֵּל בּוֹ בֶּאֱמֶת, אָז בְּוַדַּאי יִהְיוּ נִבְקָעִין אֶצְלוֹ כָּל גִּידֵי קַשְׁיוּת לְבָבוֹ", נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, אַז וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר מִיט אַן אֱמֶת וֶועט זִיךְ אִים עֶפֶענֶען אַלֶע זַיינֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן.]

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**מַדְרִיךְ זַיין כַּלּוֹת אוֹיף דִי אֱמֶתְ׳עֶ תּוֹרָה וֶועג**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, י״ג תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַוַדַאי זָאלְט אִיר זִיךְ אַרַיינְלֶייגְן אִין דִי זַאךְ פוּן לֶערְנֶען מִיט כַּלּוֹת; לֶערְנֶען מִיט זֵיי אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה זָאגְט אוּן מַדְרִיךְ זַיין וַוייבְּלֶעךְ וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן מִיטְן מַאן אַזוֹי וִוי דִי תּוֹרָה וֶועג, לֵיידֶער לֵיידֶער לֶערְנְט מֶען מִיט כַּלּוֹת פַאלְשֶׁע הַדְרָכוֹת וָואס אִיז נֶגֶד הַתּוֹרָה. בִּכְלַל דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן כַּלָּה הַדְרָכוֹת - אִיז אַ נֵייעֶ זַאךְ, עֶס אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא זַאךְ; אִין אַלֶע דוֹרוֹת פְלֶעגְן דִי מַאמֶעס אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר דִי טֶעכְטֶער וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן, הַיינְט אִיז גֶעוָוארְן אַ נֵייעֶ זַאךְ, מֶען לֶערְנְט פַאלְשֶׁע לִימּוּדִים, אוּן פוּן דֶעם פַּאסִירְט אַלֶע גִיטִין הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

אַז אִיר וֶועט קֶענֶען הֶעלְפְן בְּלוֹיז אֵיין קָאפְּל זִיךְ נִישְׁט צוּ גֶטְ׳ן - אִיז אַלֶעס כְּדַאי, אוּן אַז אִיר וֶועט קֶענֶען מַדְרִיךְ זַיין כַּלּוֹת אוֹיף דִי תּוֹרָה וֶועג, נִישְׁט מִיט דִי וֶועג פוּן דִי גַלָּחִים, וָואס בַּיי זֵיי מֵיינְט שְׁמֵיילִיג וִוי מֶער מֶען אִיז אָפְּגֶעשֵׁיידְט - אִיז אַלֶעס כְּדַאי.

וִוי לַאנְג זֶענֶען מִיר דָא? וִוי לַאנְג לֶעבְּט מֶען דֶען? אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט אָפּ אַפָּאר יָאר אוּן מֶען דַארְף שׁוֹין אָט אָט צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאר וָואס מֶען טוּט פַאר אַנְדֶערֶע, הֶעלְפְן בּוֹיעֶן אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער - דָאס בְּלַייבְּט.

גֶעדֶענְקְט, אַלֶעס וָואס מֶען טוּט פַאר זִיךְ - בְּלַייבְּט דָא, מֶען נֶעמְט דָאס

נִישְׁט מִיט, אוּן אַלֶעס וָואס מֶען טוּט פַאר אַ צְוֵוייטְן - דָאס נֶעמְט מֶען מִיט לְנֵצַח נְצָחִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אוּן קֶענֶען הֶעלְפְן בּוֹיעֶן אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער.

...

**מוּזִיק אִין דִי דְרֵיי וָואכְן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, י״ד תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען טָאר נִישְׁט הֶערְן קַיין מוּזִיק אִין דִי דְרֵיי וָואכְן, נָאר אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז דֶערפְּרֶעסְט אוּן מֶען דַארְף אִים הֵיילְן - דֶעמָאלְט זֶענֶען דִי פּוֹסְקִים מַתִּיר צוּ הֶערְן בְּצִנְעָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן י) אַז מֶען זוּכְט אוֹיף גוּטְס אִין זִיךְ - דָאס אִיז אַן עֵצָה פַאר שִׂמְחָה, מֶען זוּכְט אִין זִיךְ גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טוּן, אוּן מֶען אִיז זִיךְ מְחַיֶּ׳ מִיט שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי - דָאס מַאכְט פְרֵיילִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**דִי פְרוֹי מִיט אִיר חָכְמַת נָשִׁים קֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶן דִי שְׁכִינָה אִין שְׁטוּבּ**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת חֻקַּת בָּלָק, י״ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר מֶעסֶעדְזְשׁ.

אַ שָׁאד אַז אִיר וֵויינְט אוּן אִיר זֶענְט פַארְוֵוייטָאגְט פוּן וְכוּ׳, עֶס לִיגְט אִין

אַייעֶר הֶענְט וְכוּ׳; אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר אִיז אַ טֵייעֶרֶער מַאן, אָבֶּער עֶר הָאט דִי אֵיין זַאךְ, אַז עֶר קֶען נִישְׁט אָנְהוֹיבְּן וְכוּ׳, עֶר הָאט אַ קַאמְפְּלֶעקְס אַז נָאר עֶר וויל לֶעבְּן וְכוּ׳ אוּן אִיר זֶענְט נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט; אִיז דָאךְ מַמָּשׁ אַ שָׁאד, וֶוען סַיי אִיר אוּן סַיי עֶר וַוארְטְן צוּ לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם, נָאר אִיר וַוארְט אוֹיף אִים אוּן עֶר טְרַאכְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט פַאר אַייךְ; דַארְפְט אִיר זַיין דֶער וָואס בְּרֶעכְט דִי שְׁטִילְקֵייט אוּן בְּרֶעכְט דִי אַייז.

אֱמֶת, דִי פְּלִיכְט לִיגְט אוֹיפְן מַאן עֶר זָאל פְרֵיילִיךְ מַאכְן וְכוּ׳, אָבֶּער וֶוען מֶען זֶעט ווִי דֶער מַאן אִיז אִין זַיין פַארְמַאכְטֶע וֶועלְט, דַארְף דִי פְּרוֹי מִיט אִיר חָכְמַת נָשִׁים זַיין סַיי דֶער מַאן אוּן סַיי דִי פְּרוֹי.

אַנְשְׁטָאט וֵויינֶען - טוּט צוּ דֶער זַאךְ, מַאכְט אַ פְּלַאץ פַאר דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה; וַוייל דָארְט וואוּ מַאן אוּן וַוייבּ לִיבְּן זִיךְ - דָארְט רוּט דִי שְׁכִינָה.

...

**קוּק נִישְׁט קַיין עֲבֵירוֹת וֶועט דִיר זַיין זִיס אוּן לִיכְטִיג**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, י״ד תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

קוּק נִישְׁט קַיין עֲבֵירוֹת אוּן הַאק אָפּ מִיט דִי נִישְׁט גוּטֶע חֲבֵרִים, וַוייל עֶס אִיז אַזוֹי לִיכְטִיג פַאר דֶעם וָואס הִיט אָפּ דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, בִּבְחִינַת אוֹר זָרוּעַ לַצַּדִּיק, עֶס אִיז גוּט אוּן זִיס דָאס לֶעבְּן, אוּן פַארְקֶערְט; עֶס אִיז אַזוֹי בִּיטֶער אוּן פִינְסְטֶער וֶוען מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית, מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס.

זָאג דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ] אוּן זֵיי זִיךְ מִתְוַודֶה, וָשָׁב וְרָפָא לָךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן, וֶועט דִיר זַיין גָאר בִּיטֶער**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, ט״ו תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער יֶעצְט - אִיז דַיין יְשׁוּעָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף דִיר אוּן דִיר גֶעגֶעבְּן אַ וֶועק אוֹיף, עֶר וִויל דִיךְ רַאטֶעוֶוען; רַאטֶעוֶוען דַיין נְשָׁמָה אוּן דַיינֶע דוֹרוֹת.

יֶעצְט וֶוען דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה אִיז אָפְּגֶעכַאפְּט, מֶען הָאט אָפְּגֶעכַאפְּט אַ ווִידִיאוֹ ווִי דוּ טוּסְט דִי עֲבֵירָה, אוּן דוּ וַוארְפְּסְט זִיךְ פַאר שְׁרֶעק, עֶס קֶען זַיין אִין אֵיין סֶעקוּנְדֶע וֶועלְן אַלֶע זֶען וֶוער דוּ בִּיסְט - דָאס אִיז דִי יְשׁוּעָה; יֶעצְט וֶועסְטוּ אָפְּלָאזְן דִי עֲבֵירוֹת אוּן זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

ווִי קֶען אַ מֶענְטְשׁ זַיין אַזוֹי גֶעמֵיין - וֶוען מֶען הָאט אַ וַוייבּ אוּן קִינְדֶער - זִיךְ גֵיין בַּאהַאלְטְן מִיט שֵׁדִים אוּן שֵׁדוֹת? ווִי קֶען מֶען זַיין אַזוֹי נַארִישׁ, גֵיין אִין מְדוֹר הַקְּלִפּוֹת זִינְדִיגְן מִיט אַ גוֹיָ׳ה?! וֶועק זִיךְ אוֹיף בַּאצַייטְנְס, אַז נִישְׁט וֶועט זַיין בִּיטֶער בִּיטֶער, וֶועסְט אַלֶעס פַארְלִירְן; דִי וֶועלְט אִיז הַיינְט אַזוֹי פָארְגֶעשְׁרִיטְן, אַ מֶענְטְשׁ בַּאהַאלְט זִיךְ, עֶר מֵיינְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט נִישְׁט, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מְפַרְסֵם פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, מִיט אֵיין קְנֶעפְּל וֶוערְט אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה עֲבֵירָה.

אִיךְ בֶּעט דִיר, טוּ תְּשׁוּבָה, הַאק אָפּ אַלֶע קְשָׁרִים אוּן זָאג צוּ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ גֵייסְט עֶס מֶער נִישְׁט טוּן. מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנָיוֹת, זָאג יֶעדְן טָאג ח״י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן זָאג אַסַאךְ תְּהִלִּים.

אַז דוּ וֶועסְט תְּשׁוּבָה טוּן - וֶועט זִיךְ עֶס עֶנְדִיגְן גוּט, אוּן אַז נִישְׁט - זָאג אִיךְ דִיר פָארְאוֹיס וָואס וֶועט פַּאסִירְן, דוּ וֶועסְט וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט פַאר אַלֶעמֶען; דַיין וַוייבּ וֶועט דִיךְ אָפְּלָאזְן, דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן דִיר נִישְׁט קוּקְן אִין פָּנִים, קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט שְׁטֵיין אִין דַיינֶע ד׳ אַמּוֹת.

טוּ תְּשׁוּבָה וֶועט דִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל זַיין.

...

## דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד מֶעסְט מֶען לוֹיט ווִי אַזוֹי עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, שִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

ווִיפִיל אִיךְ וֶועל דִיר שְׁרַייבְּן - זֶע אִיךְ אַז מֶען דַארְף נָאךְ אוּן נָאךְ שְׁרַייבְּן, ווַייל לְפִי וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אוּנְז, דִי נִסְיוֹנוֹת זֶענֶען אָן אַ שִׁיעוּר אוּן מֶען פַאלְט כְּסֵדֶר אִין חֲלִישׁוּת הַדַעַת - דַארְף מֶען הָאבְּן כְּסֵדֶר נָאךְ אוּן נָאךְ חִיזּוּק.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דָאס גֶע'חַזֶר'ט מִיט אוּנְז הוּנְדֶערְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער מָאל, אַז דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד מֶעסְט מֶען לוֹיט ווִי אַזוֹי עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ אוּן הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

לֶערְן אַ בְּלַאט גְמָרָא. מִיר הָאבְּן יֶעצְט אִין דִי גְמָרָא (גִּיטִּין נא) דִי סְבָרָה אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט זַיין קַיין כּוֹפֵר הַכֹּל, אָבֶּער מוֹדֶה בְּמִקְצָת - דָאס גֶעפִינְט מֶען יָא בַּיי מֶענְטְשְׁן; עֶר גְלֵייבְּט אַוַדַאי אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער עֶר נֶעמְט פַאר זִיךְ אוֹיךְ עֶפֶּעס קְרֶעדִיט, זָאגְט דִי תּוֹרָה אַן עֵצָה, עֶר זָאל שְׁוֶוערְן, דָאס טוּט מֶען מִיט אַ סֵפֶר תּוֹרָה אוּן תְּפִילִין; גֵיי צוּ דִי תּוֹרָה, לֶערְן תּוֹרָה אוּן טוּ אָן תְּפִילִין - וֶועסְטוּ שׁוֹין זַיין אַ מוֹדֶה הַכֹּל, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אַלֶעס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הַאלְט טֵייעֶר דִי מַתָּנָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ"א תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

בִּיסְט אַ גְרוֹיסֶער רַחְמָנוּת, דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל; ווַייל אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה, אַ ווַייבּ - דַארְפְסְטוּ אִיר מְכַבֵּד זַיין אוּן רֶעדְן שֵׁיין, וֵוייךְ אוּן הַארְצִיג צוּ אִיר, אוּן אַז זִי שְׁרַייט אוֹיף דִיר אוּן זִי

טוּט פַארְקֶערְט וִוי דִיר - אִיז דָאס נִישְׁט קַיין עֶנְטְפֶער אוֹיף וִוי אַזוֹי דוּ פִירְסְט זִיךְ אוֹיף.

קוּק וִוי אַזוֹי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט אִין שְׁטוּבּ מִיט זֵייעֶר וַוייבּ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי חִיָיא הָאט גֶעהַאט אַ שְׁוֶוערֶע שְׁטוּבּ, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (יְבָמוֹת סג.): "רֶבִּי חִיָיא הֲוָה קָא מְצַעֲרָא לֵיהּ דְבִיתְהוּ", רֶבִּי חִיָיא'ס וַוייבּ פְלֶעגְט אִים זֵייעֶר אַסַאךְ מְצַעֵר זַיין, מִיט דֶעם אַלֶעם: "כִּי הֲוָה מַשְׁכַּח מִידִי, צַיֵיר לֵיהּ בְּסוּדְרֵיהּ וּמַיְיתֵי נִיהֲלָהּ", וֶוען עֶר פְלֶעגְט זֶען אַ גוּטֶע זַאךְ וָואס זַיין וַוייבּ הָאט לִיבּ, פְלֶעגְט עֶר דָאס אַהֵיימְבְּרֶענְגֶען פַאר אִיר, הָאט רַב גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי חִיָיא: "אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט, פַארְוָואס בְּרֶענְגְסְטוּ אִיר אֵייבִּיג אַהֵיים גוּטֶע זַאכְן, זִי אִיז דָאךְ דִיר מְצַעֵר?!" הָאט אִים רֶבִּי חִיָיא גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דַיֵינוּ שֶׁמְּגַדְּלוֹת בָּנֵינוּ, וּמַצִּילוֹת אוֹתָנוּ מִן הַחֵטְא", מִיר אִיז גֶענוּג אַז זִי צִיט אוֹיף דִי קִינְדֶער אוּן זִי רַאטֶעוֶועט מִיךְ פוּן עֲבֵירוֹת; זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי שְׁטַארְק מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְמַאךְ דַיין גֶעשֶׁעפְט עֶרֶב שַׁבָּת בַּיי חֲצוֹת אוּן גֵיי גְרֵייט זִיךְ צוּם גְרוֹיסְן גַאסְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ"א תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

פְרַייטָאג זָאלְסְטוּ נִישְׁט אַרְבֶּעטְן נָאךְ חֲצוֹת. פַארְמַאךְ אַלֶעס בַּיי חֲצוֹת, גֵיי אַהֵיים הֶעלְפְן אָנְגְרֵייטְן דִי שְׁטוּבּ פַאר דִי גְרוֹיסֶע גַאסְט, שַׁבָּת מַלְכְּתָא.

שַׁבָּת אִיז וִוי אַ חֲתוּנָה; אַז מֶען הָאט אַ חֲתוּנָה - גְרֵייט מֶען זִיךְ דֶערְצוּ פָארְאוֹיס, מֶען לֵייגְט זִיךְ אַרָאפּ שְׁלָאפְן, מֶען בָּאדְט זִיךְ אוּן מֶען טוּט זִיךְ אָן שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער, מֶען וַוארְט נִישְׁט אוֹיף דִי לֶעצְטֶע מִינוּט; כָּל שֶׁכֵּן וֶוען עֶס

קוּמְט דִי הֵיילִיגֶע שַׁבָּת - דַארְף מֶען זִיךְ גְרֵייטְן וִוי עֶס פַּאסְט, אוֹיפְצוּנֶעמֶען דִי שַׁבָּת.

אוֹיף וָואס הָאסְטוּ אַן אֵייגֶענֶע בִּיזְנֶעס, אוֹיף אַרְבֶּעטְן וִוי אַ פֶערְד - יוֹם וָלַיְלָה לֹא יִשְׁבֹּתוּ"? ! עֶס שְׁטֵייט קְלָאר אִין הֲלָכָה, אַז אַרְבֶּעטֶער מֶעג אַרְבֶּעטְן פְרַייטָאג שְׁפֶּעטֶער וִוי מִן הַמִּנְחָה וּלְמַעְלָה, אָבֶער אַ בַּעַל הַבַּיִת, אֵיינֶער וָואס אַרְבֶּעט פַאר זִיךְ - זָאגְט דֶער מְחַבֵּר (שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים סִימָן רנא, סְעִיף א): "הָעוֹשֶׂה מְלָאכָה בְּעֶרֶב שַׁבָּת מִן הַמִּנְחָה וּלְמַעְלָה", דֶער וָואס אַרְבֶּעט עֶרֶב שַׁבָּת שְׁפֶּעטֶער וִוי זְמַן מִנְחָה, "אֵינוֹ רוֹאֶה סִימַן בְּרָכָה", וֶועט נִישְׁט זֶען קַיין בְּרָכָה אִין דִי גֶעלְט; דָאס הֵייסְט אֲפִילוּ עֶר וֶועט פַארְדִינֶען פוּן דִי אַרְבֶּעט - וֶועט עֶר פַארְלִירְן עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ. עֶס זֶענֶען דָא צְוֵויי שִׁיטוֹת וָואס מֵיינְט זְמַן הַמִּנְחָה, "יֵשׁ מְפָרְשִׁים מִנְחָה גְּדוֹלָה, וְיֵשׁ מְפָרְשִׁים מִנְחָה קְטַנָּה"; עַל כָּל פָּנִים בַּיי דַיין פַאל וָואס דוּ אַרְבֶּעטְסְט פַאר דִיר, וָואס דַארְפְסְטוּ אַרְבֶּעטְן בִּיז שְׁפֶּעט אוּן אַרַיינְגֵיין אִין שַׁבָּת אוֹיסְגֶעמַאטֶערְט אוּן אוֹיסְגֶעקְוֶועטְשְׁט? עֶנְדֶערְשׁ פַארְמַאךְ דַיין גֶעשֶׁעפְט בַּיי חֲצוֹת אוּן גֵיי גְרֵייט זִיךְ צוּם גְרוֹיסְן גַאסְט.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ נִישְׁט פַארְפִירְט בִּיז אַהֶער, מֶעגְסְטוּ מִיךְ אוֹיסְהֶערְן אוּן פָאלְגְן, דוּ וֶועסְט נָאר פַארְדִינֶען דֶערְפוּן.

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי גוּטֶע הַרְגָשָׁה אוּן גֶעפִיל וָואס אַ מְלַמֵּד הָאט, גֶעפִינְט מֶען נִישְׁט עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ"א תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרְער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר

אַ שָׁאד אַז דוּ הָאסְט זִיךְ אָפְּגֶעזָאגְט פוּן דִי מְלַמְּדוּת; הָאסְט דָאךְ אַזוֹי מַצְלִיחַ גֶעוֶועזְן, הָאסְט דָאךְ אַרַיינְגֶעשַׁיינְט אִין דִי קִינְדֶער אַזוֹיפִיל אֱמוּנָה מִיט אַזוֹיפִיל יִרְאַת שָׁמַיִם; מַמָּשׁ אַ שָׁאד אַז דוּ הָאסְט דָאס אִיבֶּערְגֶעלָאזְט.

יֶעצְט וֶועסְטוּ זִיךְ אַזוֹי בֶּענְקֶען צוּ דִי טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, יֶעצְט וֶועסְטוּ זִיךְ כַאפְּן וָואס מֵיינְט זַיין אַ מְלַמֵד... דִי גוּטֶע גֶעפִיל פוּן גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט פַאר אַ קִינְד, דִי גוּטֶע גֶעפִיל פוּן וַוייזְן אַ שְׁמֵייכְל פַאר אַ קִינְד אוּן אִים אוֹיפְבּוֹיעֶן; אוֹי וִוי גוּט דָאס אִיז, אוֹי וִוי גוּט מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ.

עֶס אִיז טַאקֶע שְׁוֶוער צוּ זַיין אַ מְלַמֵד, אָבֶער וֶוען מֶען לָאזְט אָפּ דִי אַרְבֶּעט - דֶעמָאלְט הוֹיבְּט מֶען אָן כַאפְּן וָואס מֶען הָאט גֶעהַאט; אַזַא גוּטֶע הַרְגָשָׁה וָואס מֶען קֶען נִישְׁט גֶעפִינֶען עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ.

אוֹיבּ מֶען קוּמְט נִישְׁט צַייטְלִיךְ אוּן דֶער מְנַהֵל נֶעמְט אַ צְוֵוייטְן אַלְס מְלַמֵד - אִיז דָאס פְּשַׁט אַז מֶען הָאט זִיךְ אָפְּגֶעזָאגְט, עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ זַיין מְלַמֵד נָאר אוֹיבּ מֶען אִיז אִין צַייט, אוּן אַז דֶער מְלַמֵד אִיז נִישְׁט אִין צַייט אוּן דֶער מְנַהֵל זָאגְט גֶעעֶנְדִיגְט, מֶען קֶען נִישְׁט קוּמֶען מֶער - מֵיינְט דָאס אַז מֶען הָאט זִיךְ אָפְּגֶעזָאגְט.

נָאךְ אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ, וָואס דֶער מְנַהֵל זָאגְט בַּיי אוּנְז אִין מוֹסָד - אִיז בִּשְׁלִיחוּת פוּן מִיר, אוּן וָואס דִי מְנַהֶלֶת זָאגְט - אִיז דָאס בִּשְׁלִיחוּת פוּן מִיר, אוּן אִיךְ טוּ וָואס מוֹהֲרָא״שׁ הָאט מִיר בַּאפוֹילְן. מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, נָאר אַ מְלַמֵד, אַ טִיטְשֶׁער - וָואס אִיז צַייטְלִיךְ - קֶען זַיין מְלַמֵד אוּן טִיטְשֶׁער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**גֵיין אִין מִקְוֶה עֶרֶב שַׁבָּת גֶענוּג פְּרִי, נִישְׁט דִי לֶעצְטֶע מִינוּט**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ״א תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

אַ אִינְגֶערְמַאן וִוי דוּ - וָואלְט וֶוען גֶעדַארְפְט גֵיין אִין מִקְוֶה עֶרֶב שַׁבָּת גֶענוּג פְּרִי, נִישְׁט דִי לֶעצְטֶע מִינוּט; אַז דוּ זָאלְסְט נָאךְ הָאבְּן גֶענוּג צַייט זִיךְ אָנְצוּטוּן בִּגְדֵי שַׁבָּת אוּן אָפְּוַוארְטְן אִין שְׁטוּבּ דֶעם גְרוֹיסְן גַאסְט, נִישְׁט לוֹיפְן בַּיים זְמַן אִין מִקְוֶה וִוי דִי פְּלִיטֶעס טוּעֶן.

מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, דִי עַמֵּי הָאַרְצִים גֵייעֶן אִין מִקְוֶה נָאכְן זְמַן, וָואס דֶעמָאלְט אִיז דִי צַייט וָואס דִי שֵׁדִים זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן; דִי פְּלִיטֶעס, דִי מֶענְטְשְׁן וָואס לֶעבְן אָן סֵדֶר אוּן אָן חֶשְׁבּוֹן - דִי לוֹיפְן בַּיים זְמַן אִין מִקְוֶה, אוּן אַסַאךְ מָאל קוּמְט עֶס צוּ חִלּוּל שַׁבָּת רַחֲמָנָא לִצְלָן.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער גֵיי אִין מִקְוֶה גֶענוּג פְּרִי, אַז דוּ זָאלְסְט נָאךְ הָאבְּן צַייט אַהֵיים צוּ גֵיין, זִיךְ אָנְטוּן שַׁבָּת קְלֵיידֶער אוּן זַיין אִין שְׁטוּבּ וֶוען דַיין וַוייבּ צִינְדְט אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט, אוּן זִינְג שִׁיר הַשִּׁירִים.

אַז דוּ ווִילְסְט קוּמֶען מִיט דַיין קַאר צוּם שׁוּל - קֶען דַיין וַוייבּ צִינְדְן פְּרִיעֶר ווִי דֶער זְמַן הַדְלָקַת הַנֵּרוֹת, אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען זַיין בַּיים לִיכְט צִינְדְן אִין שְׁטוּבּ אוּן קוּמֶען מִיט דִי קַאר אוּן נִישְׁט מְחַלֵּל שַׁבָּת זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי גְרֶעסְטֶע עֲבוֹדָה בַּיי אִידִישֶׁע מַאמֶעס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ״א תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דָאס וָואס הָאט פַּאסִירְט אַז אַייעֶר קִינְד הָאט גֶענוּמֶען דֶעם בִּיגְל-אַייזְן, דָאס אַיינְגֶעשְׁטֶעקְט אוּן עֶס הָאט גֶעפֶּעלְט אַ הָאר אַז עֶס זָאל וֶוערְן אַ שְׂרֵפָה הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; זָאלְט אִיר פוּן הַיינְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן ווִי דִי שְׁטוּבּ פִירְט זִיךְ, עֶס זָאל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן סַכָּנוֹת. אַ בִּיגְל-אַייזְן דַארְף מֶען לֵייגְן אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קִינְדֶער קֶענֶען עֶס נִישְׁט דֶערְגְרַייכְן, וַוייל אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם אַ קִינְד נֶעמְט דָאס אוּן שְׁטֶעקְט עֶס אַיין - קֶען זַיין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה.

דִי גְרֶעסְטֶע עֲבוֹדָה בַּיי אִידִישֶׁע מַאמֶעס אִיז פִירְן אַ וַוארֶעמֶע שְׁטוּבּ, אָנְגְרֵייטְן עֶסְן פַאר דִי קִינְדֶער אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן דִי שְׁטוּבּ זָאל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן סַכָּנוֹת.

וֶוען אִיר וֶועט זַיין אַ בַּאבֶּע, דִי קִינְדֶער וֶועלְן שׁוֹין זַיין חֲתוּנָה גֶעהַאט -

דֶעמָאלְט וֶועט אִיר קֶענֶען עֶנְדִיגְן תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג און טוּן אַלֶע מִצְוֹת, יֶעצְט אִיז דָא אֵיין זַאךְ: "דִי קִינְדֶער"; דָאס אִיז אַייעֶר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֶעבּ אַכְטוּנְג עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען אַ חִלּוּל הַשֵּׁם וְחִלּוּל שֵׁם רַבֵּינוּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ"א תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ....

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק, סִימָן סט): "מִי שֶׁאוֹהֵב אֶת הַצַּדִּיק, צָרִיךְ לִשְׁמֹר אֶת הַצַּדִּיק, שֶׁלֹּא יֵצֵא עָלָיו שֵׁם רָע", וֶוער עֶס הָאט לִיבּ דֶעם צַדִיק - דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיפְן צַדִיק; אַז עֶס וֶועט אַרוֹיסְגֵיין דִי נֵייעֶס אַז דוּ גֵייסְט מִיט גוֹי'טֶעס - וֶועט דָאךְ זַיין אַזַא חִלּוּל הַשֵּׁם און אַ חִלּוּל שֵׁם רַבֵּינוּ, אַלֶע וֶועלְן זָאגְן 'קוּק דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר פָּאפֶּערְס, קוּק זֵיי אָן וִוי זֵיי טוּעֶן מַעֲשֶׂה זִמְרִי און מַאכְן זִיךְ וִוי אַ פִּנְחָס'.

אִיךְ צִיטֶער.

...

## מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען בִּזְכוּת דִי אִידְן וָואס זָאגְן תְּהִלִּים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ"א תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי פְרֵיילִיכֶע בְּרִיוו.

מַזָל טוֹב פַארְן אָנְקוּמֶען צוּ זָאגְן תְּהִלִּים און דָאס מְסַיֵּים זַיין דִי הוּנְדֶערְטְסְטֶע מָאל, אַזַא שֵׁיינֶע בְּרִיוו; עֶס קוּמֶען מִיר אָן אַזוֹיפִיל בְּרִיוו פוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, בְּרִיוו פוּן אַלֶע סָארְט אִיבֶּערְגֵייאַכְץ, און אַייעֶר בְּרִיוו - דָאס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן כֹּחַ.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זָאגְן תְּהִלִּים; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען בִּזְכוּת דִי פָּשׁוּטְ׳עֶ אִידְן וָואס זָאגְן אַסַאךְ תְּהִלִּים, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פוּן סַאטְמֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט דָאס אַרָאפּ אִין סֵפֶר וַיּוֹאֶל מֹשֶׁה (מַאֲמָר יִשּׁוּב אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, סִימָן קנ), **אַז מָשִׁיחַ** וֶועט קוּמֶען בִּזְכוּת דִי אַלֶע עֶרְלִיכֶע פָּשׁוּטְ׳עֶ אִידְן וָואס זָאגְן תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג.

ווּאוֹיל אִיז אַייךְ אוּן ווּאוֹיל אִיז אַייעֶר חֵלֶק, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַייךְ מַאכְן גְרוֹיסֶע נִיסִים בִּזְכוּת זָאגְן תְּהִלִּים.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

מֵאִיר קִינְדְלֶער

## דִי הֵיילִיגֶע אוֹתִיּוֹת פוּן דִי א' ב'

"רַאטֶעוֶועט... ! רַאטֶעוֶועט... ! דֶער רֶבִּי זָאל עֶפֶּעס טוּן, מֶען גֵייט אוּנְז כִּמְעַט הַרְגְ'עֶנֶען !"

אַלֶע לִיגְן גֶעבִּינְדְן, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב, דֶער תַּלְמִיד רֶבִּי צְבִי אוּן דִי צַדֶיקֶת אָדְל ; אַ בַּאנְדֶע יַם רוֹיבֶּערְס הָאבְּן בַּאפַאלְן דִי שִׁיף פוּנֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דִי רוֹיבֶּערְס זֶענֶען נִישְׁט פָּשׁוּטְ'ע רוֹיבֶּערְס וָואס זוּכְן גֶעלְט, זֵיי זֶענֶען פוּן דִי בַּאקַאנְטֶע שְׁרֶעקֶעדִיגֶע גְרוּפֶּע מֶענְטְשְׁן פְרֶעסֶערְס, זֵיי הַרְגְ'עֶנֶען מֶענְטְשְׁן אוּן עֶסְן אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן ; זֵיי זֶענֶען שְׁרֶעקְלִיכֶע רוֹצְחִים.

דֶער תַּלְמִיד פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וֵויינְט, עֶר זָאגְט : "רֶבִּי טוּט עֶפֶּעס, רֶבִּי מַאכְט אַ נֵס". דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב בְּלַייבְּט שְׁטִיל, עֶר זָאגְט שְׁטִילֶערְהֵייט : "אִיךְ הָאבּ אַלֶעס פַארְגֶעסְן, אִיךְ דֶענְק גָארְנִישְׁט", אָדְל צוּאֲוֵויינְט זִיךְ, זִי זָאגְט : "טַאטֶע, רַאטֶעוֶוע אוּנְז, דִי רוֹיבֶּערְס גֵייעֶן אוּנְז שֶׁחְטְ'ן אוּן אוּנְז אוֹיפְעֶסְן", דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זָאגְט : "אִיךְ דֶענְק גָארְנִישְׁט" ; דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב לִיגְט




אִיךְ גֶעדֶענְק נָאר דִי א׳ ב׳

גֶעבִּינְדְן אוֹיף דֶער עֶרְד, עֶר זָאגְט גָארְנִישְׁט, עֶר קוּקְט אַרוֹיף צוּם הִימְל, עֶר גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זָאגְט: "אֶפְשָׁר דֶענְקְסְטוּ עֶפֶּעס?" "אִיךְ גֶעדֶענְק נָאר דִי א' ב'" - עֶנְטְפֶערְט דֶער תַּלְמִיד, זָאגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב: "אוֹיבּ אַזוֹי, הוֹיבּ אָן זָאגְן אַן אוֹת נָאךְ אַן אוֹת, אִין אַ רֵייעֶ פוּן דִי א' ב', אוּן אִיךְ וֶועל דִיר נָאכְזָאגְן".

"א... ב... ג... ד..." דֶער תַּלְמִיד שְׁרֵייט דִי אוֹתִיוֹת אוּן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זָאגְט נָאךְ אוֹת בַּיי אוֹת... "ח... ט... י..."; וֶוען מֶען הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי אוֹתִיוֹת הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם זִיךְ אַלֶעס דֶערְמַאנְט אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר שְׁטַארְק בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ נֵס, מֶען הָאט פְּלוּצְלוּנְג גֶעהֶערְט ווִי שִׁיפְּן פַּייפְן; דִי רוֹיבֶּערְס הָאבְּן זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן אוּן זֶענֶען אַנְטְלָאפְן, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט זִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר לֶערְנֶען זִיךְ פוּן דִי מַעֲשֶׂה אַז מֶען זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיבּ מֶען וֵוייסְט נִישְׁט ווִי אַזוֹי צוּ בֶּעטְן - קֶען מֶען בֶּעטְן אוֹיף דִי א' ב'; צוּם בֵּיישְׁפִּיל: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל הָאבְּן אֶ'מוּנָה אִין דִיר, בִּ'טָחוֹן אִין דִיר, גְ'לֵייבְּן אִין דִיר, דַ'אוֶונֶען צוּ דִיר, הָ'אפְן צוּ דִיר" - אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.